3819 'ON 599 'X '60 (18) 12073

Venedig 1590

⊗ 41/15

# מאואים

## גר הויפש אונ' ויין· דורך דאז גאנץ יאר·

וויא אלי מנהגים זיין· אין גאנץ אשכנז בור וואר:

אונ' בייא דען אשכנזים גר עבן· אין וועלש לנד:
אונ' דען מִנְהַג דר נעבן· בֿון מערהרן· פיהם·
אונ' פולן· לנ והגר:

אלהים אלהינו עולם



ועד הוא ינהגנו

גדרוקט אין דער גרשטן שטאט

וינידיג

אים יאר אן צילט בֿינך טאויזנט דרייא הונדרט
אונ' בֿונפֿציג:

בבית זואן דגארה:

תחת שלש רגזה ארץ נגד כל המשנה מנהג אבותיו והכל צפוי בדברי רבותינו הקדושים ׳ א׳ ׳ במדרש משלי ׳ תנו רבנן אמר רבי שמעון ב״י אם ראית מנהג שנהגו אבותיך אל תשנה אותו שנאמר אל תסג גבול עולם ׳ ב׳ ׳ בירושלמי אל תבוז כי זקנה אמך אלו המנהגות ׳ ועוד בה׳ שלישיה בחולין פ׳ גיד הנשה הני ביעי חשילתא שריין ואת לא תיכול משום אל תטוש תורת אמך ׳ ובזאת יתהלל המתהלל להעמיד כל מקום ומקום על מנהגו ולא יחוש לחלופיהם וחלופי חלופיהם יען כמו שהקוים הנמשכים מהעגולה אל המרכז עם גודל מרחקם בה איש באחיו ידבקו בהגיעם אל המרכז ׳ כן עיני כל ישראל במנהגיהם לאביהם שבשמים וכל אחד נותן טעם למנהגו ואלו ואלו דברי אלקים חיים ׳ מעתה זה כל פרי יגיעתי בחבורי הלזה לאסוף בין העמרי׳ וללקט שבולים מפי סופרים ומפי ספרים להצמית כרשא מנהגי פולן וכל אבורהי ׳ ואשכנז ׳ למען ימצאו בו נחת רוח כל בני עמנו יאכלו ענוים וישבעו איש איש לפי מנהג אבותיו עד יערה עלינו רוח ממרום לקבץ פזורינו ונאמר לפניו שיר חדש בהדרת קדש :

כה מתפלל קטינא וזעירא ׳

**שמעון בן לא״א יהודה הלוי ז״ל גונצבורג ׳**

R 8° 89 A 3647

ספרית שוקן

# הקדמה

גילובט זייא גָט דער הער • דער אונז גיברוכט הוט ביז הער :
דיזן מנהגים צו דרוקן • מיט.ויל מענכן היפשן שטוקן :
בון הייאר אונ' ווערט • לערנר אודר און גילערנט :
ווער לכר הוט דאז בוך בור זיך • דארף קיין בלאט קערן הינטר זיך :
דער דאז זונשט קאן וודר היבן נוך ליגן • אודר גמטן אודר מייאר ליגן :
ווערט אויך אלי צייכן • קיינן דינים אויז שפרעכן :
אז ווער ער רבי חוצפות • אונ' גילערנט כל התורה אוף איין פוס :
אז הט ער גילערנט אל זיינטגין • אזא ווערט ער וויסן צו זגין :
בון שופר לולב אונ' סוכה • עירוב תבשילין כשרן חמץ צו בדקה :
די ווייבר ניט לושן זעהן די ווירעקן • דאז זיא דען טורן אויבר די חלה דעקן
אונ' דיא הענד אויבר די שבת ליכטר הלטן • גלייך דיא יונגן אלז דיא אלטן :
אונ' עושה שלום גין הינטר זיך • אונ' קדוש קדוש הופפן אויבר זיך :
וואָרום מן אליה הנביא זינגט אם
שבתות צו נכט • אונ' מונטג אונ' דורשטג זגג והוא
רחום מיט מכט :
אונ' ווען מן זגט תחנה דעקט מן צו
דאז פנים • אונ' שבת אונ' יום טוב ניט ליגן תפילין
על כל פנים :
אונ' וואָרום מן אויך רופט אם שבת
זיבן אונ' ראש חדש ויר • אונ' יום טוב פֿיינף אונ' יום כיפור זעקט
הר פֿויר :
אונ' דאז גרוט קידוש • דאז ברוט צו דעקן ווען מן מאכט קדוש :
וואָרום מן אם שבת צו נכט טאעקט
צו וואוירן • אונ' דיא נעגיל ביזכט בייא דער
הבדלה קערן :
וואָרום מן פפלעגט שבת אופס עטן : • זיא גרוט די סוכה אונ זיין גימעטן :
אונ' אנדרן דער מאכן ויל • מון אוס אונ' מון ליל :
די ווייבר טון אם ר"ח קיין מלאכה • דען מנהג אויז עקר הלכה :
אם ריינטג מן דאז וייסט אויך דען
פוגלן עטן אונ' בייסן • אנדרש וואו אז מן עט מיט דעם
מעטר הין ווער רייסן :
אונ' אי' אזא ווערדן גימאכט • דאז עט איז בור חלב גימאכט :
מהר"יל וואר קומן אין איין קהילה • מן גב אים אם ר"ה איין תפלה :
ער גב מיט דען נגונים דען סדר • ויא ערש גילערנט הט אין זיינם חדר :
אונ' שטורב אים זיין טוכטר הולד • בור ענדרונג דש נגון גבער די שולד :
ווען מן ניט ווייש דען דיקדעכט • זאל גיט מן נוך דעם מנהג שלעכט :
אונזר חכמים הבן עס אזא גשפרוכן • זיא מכן גנץ וואז דא איז גיברוכן :
דרום קער אוך קיין אנדרש טרוסן • זונדר אויך דיזן מנהגים בור לוסן :
דען ויל ספרים מנהגים טרייבן • אונ' טוט ניט דר בייא בלייבן :

אז דער אורח חיים אונ׳ מיימוני זגין:
אונ׳ יום כיפור דער אם שבת איז:
דער מרדכי טוט פסקנה:
דז טוט אן אליר קיינט:
ווען נצבים וילך גיט מיט אנגדר:
די הפטרה בון דרשו ווען זיא הלטן:
דען מנהג הב איך גשריבן בטיידליך:
אזא וויל איך אן היבן מיט גאטש הלבט:
דא וויל דא אן היבט דיא וואכן:
אונ׳ די וואך גנץ אונ׳ גאר:
דען סדר בון ראש חדש:
אונ׳ וויל אן היבן אן ראש חדש ניסן:
אונ׳ דיא צוועלף חדשים בום יאר:
דר נוך יוצרות אונ׳ אופנים הפטרות
אונ׳ ברכות:
אונ׳ אנדרן זאכן:
אונ׳ בין אויך מקבל קנין:
אונ׳ די טעג דא מן ניט זגט תחנה:
אונ׳ דאז מן ניט לנג דארף זוכן:
גימאכט גנץ הינטן אם ספר:
גלייכנט נוך דעם א׳ ב׳ גר לוסטיג:
דרום קויפט די מנהגים אן בור לאנג:
תשעה באב אונ׳ פורים:
צו ליב אונ׳ צו לאייר:
איר ווערט אך דהינטן זינדן:
אונ׳ וואטר אן אונ׳ זיברן בוס:
גאטית זאל אונז אונ׳ כל ישראל
בהיטן בור אלם בויזן:

וויא מן זול צדקתך אם ראש השנה זגן:
אבינו מלכנו זינגן ורים:
דאז לולב טויטלן אן הצליחה נא:
איין טייל זיין אך ניט אייכט:
דיערשט הפטרה אודר דיא אנדר:
אויף תענית צבור אונ׳ גאט לוסן וואלטן:
דרויז לו ריבטן יוגן אונ׳ איירליך:
דען מנהג בון שבת לו נכט:
דיא נכט נוך טג טוט זכן:
דר נוך די שבתות בום גנצן יאר:
אונ׳ דר נוך בום גנצן חדש:
איר ווערט הוירן אנגנכן גוטן פוסן:
אודר דרייא לעהן אן גיבאר:
ברית מילה אונ׳ ברולפט מיט שבע
ברכות:
אויכט איר וואל אויך דעבן אויאר דאכן
לוטן וויטן ווי מן אורט ניט בייא מנין:
ווארום מן זיך בזיכט אם הושענא
רבה אין דער לבנה:
איז איין טאביל בון שבת אונ׳ וואכן:
לו וויזן איין איטלכן זאק פמייסר:
זעלבט אוב איך אויך בין גנטטיג:
דען זיא נולן בייא נכט אונ׳ בייא טג:
ראש השנה אונ׳ יום כיפורים:
איז דאז בון כירייט:
זיל מן שפרוך בור דעם טויזרן:
בור די מיט עשר איין גוטי בוס:
אונ׳ זיין בולק ישראל איז דעם גלות
באלדר לויזן:

# אמן

וכן יהי רצון

# מוצאי שבת

מן ווארט ביז גין נכט איז מן ברכו זגט · אונ׳ אי מן והוא רחום אן
היבט · זגט מן לדוד ברוך · אונ׳ למנצח בנגינות · אונ׳ מן
דוינט והוא רחום מיט איינם הויפטן ניגון · דאז מן דען שבת זיינגיג היין
וועק בילייט · אך דאז וויל דיא רשעים ווידר אין דאז גיהנם גין וועלן מן מעריב
גיזגט הוט דרום הייבט מן עס לנג דאז זיא ניט אזא בלד דריין גין · וועלן מן
ברכו גיזגט הוט זא זגט מן אשר בדברו מעריב ערבים · אהבת עולם ·
אל מלך · מן זול זיך זער וליישן צו הקדוש ברוך הוא וועלן מן זגט דען
פסוק שמע ישראל · וועלן איינר ניט לערנן קיינט זא זול ער דוך זעהן דאז
ער דען פסוק אליין קיינט בור טויטשן דען וועלן ער דען פסוק זגט אונ׳ דאז
ער וויים וואז ער זגט · זא אנטפפנגט ער אויף זיך דאז ער גאט יתברך
איבר אין קיניגט אונ׳ דאז גאט יתברך איינג איז · דרום זול זיך קאיינר שעמן
דאז ער גיט צו איינם לערנר אין דען פסוק צו לערנן · דען עס איז בלד
גילערנט · אונ׳ איז אזא איין גרויסן מצוה וועלן מן אין בכוונה זגט · מן טוט
דרום דיא אויגן צו דאז ניקט זול אים וועג זיין דאז אין אויכט בור הינדרן בון
דער כוונה · וויט דאז אין אל מלך זיין צווייא הונדרט אונ׳ בוינף אונ׳ ווירציג
ווערטר ביז מן אמת · דרום זגן מן איין טייל קהלות דיא חזנים ווידר
הוך יי׳ אלהיכם אמת · דאז זיא עס וועלן מכן צווייא הונדרט אונ׳ אכט אונ׳
ווירציג · גלייך וויא דאז מענטשן גלידר זיין :

דר נוך אמת ואמונה · השכיבנו · ברוך יי׳
לעולם אמן ואמן · יראו עינינו · הלב קדיש ·
דר נוך ווערט מן שמונה עשרה · בוקט זיך וועלן
מן זגט ברוך אתה · אונ׳ ריכט זיך ווידר אויף וועלן
מן זגט יי׳ · אונ׳ בוקט זיך אזא צו ברוך אתה יי׳
מגן אברהם · מן דארף זיך ניט בוקן צו איטליכר
ברכה · נוייארט בורנן אין שמונה עשרה · אונ׳ צו
מגן אברהם · אונ׳ צו מודים · אונ׳ צו הטוב שמך
ולך נאה להודות · וועלן מן הלט מן ומלמד

איין טייל זגין דרום אי
זיא אין סיבן · די דרייא
ווערטר · אל מלך
נאמן · דאז זיא מיט דען
דרייא ווערטר דען
חשבון גנץ מכין · דען
אל מלך נאמן גיהערט
ניט צו שמע ישראל :

לאנוש בינה · זא זעלט מן אתה חוננתנו איין · דר נוך ווערט מן שמונה
עשרה גאנץ אויז · וועלן מן הוט אויז אלהי נצור זא טריט מן דרייא טריט
הינטר זיך אונ׳ וועלנט זיך אויף די רעכט זייט אונ׳ זגט עושה שלום במרומיו
דר נוך אויף דיא לינק זייט · אונ׳ זגט הוא יעשה שלום עלינו · דר נוך בור
זיך אונ׳ זגט ועל כל ישראל ואמרו אמן · מן גיט דרום הינטר זיך גלייך
אז זיך איינר טאייר אב בון זיינם הערן וועלן ער זיין גיבעט הוט גיטון בור
אים : (נוך איין טעם ·) דרום דאז ער איז גטרעטן אויף אייז ניס

היילג

הייליג וואָרט ווען ער תפלה הוט גיטון · ווען ער נון אויז הוט זא דארף ער
ניט בלייבן שטין אַז זעלבן אורט · אוני בלייבט אַזאַ איין ווייניג שטיל שטין
אן דעם אורט וואו ער עושה שלום אויז גיזאָגט · אוני גיט דר נאָך ווידר אן
דאָז אורט וואו ער אויז שמונה עשרה גישטאַנדן דען זאָלט ער אַזאַ בלד ווידר
הער צו לויפֿן · זאַ וואָ ווידר אן ניט דר קענן דש ער דש העט גיטון בון דרך
ארץ וועגן · אוני אַזאַ טוט אן אווארטן ווען אן שמונה עשרה אורט :
דר נאָך הוב קדיש · אוני זאָגט הויך דיזן ערשטן פסוק בון ויהי נועם ·
דאָ וויל אן מאַג ווידר מלאכה טון · אוני משה רבינו הוט ישראל גיבענטשט
מיט דעם פסוק דאָ זיא דאָז משכן האָטן גיבויט · דער חזן זאָגט ווידר הויך
אורך ימים אשביעהו · דען אַזאַ אויז דער שם גיגן דער אויז דעם מזמור
גיט · ואתה קדוש דאָז אין ובא לציון שטיט · דר נאָך גאַנץ קדיש · דען זאָג
ויתן לך · עש זיין אייטל פסוקים בון ברכה · דאָ וויל דיא וואָך אן היבט
וויל אן אייטל פסוקים בון ברכה זאָגן · אוני שיר המעלות · קדיש יתום ·
עלינו לשבח · אין איין טייל קהילות אַלט אן הבדלה אין דער שולן :
אן גיט היים אוני זינגט זמירות זאָגט ויל אוני אליהו הנביא · דען עש אויז
אונז בור הייטן דאָז אליהו ניט קומן ווערט אַז ערב שבת אודר ערב יום
טוב דאָ וויל אן אן מוסיג אויז · דאָ וויל נון איצונדר שבת אויז אויז דאָז דיא
לייט ווידר קומט דאָז ער מאַג קומן דאָ רופֿן איר אין דאָז ער וויל קומ אויז :
איין טייל זאָגן עש אויז גוט צו זכרון ווען אן אופֿט גידענקט אליהו הנביא אַז
שבת צו גלט · אך איר הבן גיווערט דאָז אליה הנביא זאָלט זיך אונטר דען
עץ הדעת אַז גן עדן אוני טרייבט די זכיות בון ישראל דאָז זיא דען שבת
הבן גיהאַלטן · אוני אן צוינדר אן איין קערץ די גלייך אַז איין וואַקיל אויז · נעמט
איין כוס מיט וויין אין די הנד · אוני אן אַלט שטענדיג הבדלה מיט הכבר
שטיק אוני זאָגט אַזאַ :

הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד כי עזי וזמרת יה יי ויהי לי
לישועה : ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה : ליי הישועה
על עמך ברכתיך סלה : יי צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב
סלה : ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר : סברי מורי
ורבותי ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן :

אוני שוט אויז וויין אויף דר ערדן אי דיא ברכה אויז אויז · נאָך דער ברכה
דאָרף אן ניט אויז שוטן · דען עש אויז איין טאָוג דעם וויין : אן שוט דרום
אויז · דען עש אויז איין גוטר סימן דאָז אן וויין בור שוט · אן נעמט דען
בשמים נאָך אין דיא לינק הנט אוני דיא בשמים אין דיא רעכט הנט · אוני אַלט

ברוך

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא מיני בשמים :

דען אויך דאז מן ברכה מאכט אז מן אין דיא רעכט הנט נעמן · מן שמעקט
דרויף צו דען בשמים · דאז וייל איין נשמה הין וועק גיט דיא דער מענש האט
גיהאט אין דעם שבת אז אין דער וואכן · (איין אנדר טעם ·) דרום דאז
דאז אש של גיהנם דעם שבת ניט שטינקט · ווען נון שבת אויז גיט דאז
דיא רשעים ווידר דריין גין אז שטינקט עש ווידר דרום שמעקט מן צו דען
בשמים · מן טוט דיא בשמים אויז דער הנט אונ' נעמט דען כוס ווידר
אין דיא רעכט הנט אונ' בויגט דיא נעגיל פון דער לינק הנט בייא דער
הבדלה קערץ · מן בוקט דיא פינגר אין דיא הנד דאז זיא איין שאטן געבן
אין דיא הנד · אונ' שטרעקט דיא פינגר דר נוך אויז אונ' בויגט דיא נעגיל דאז
מן קאן דר קענן בייא דעם ליכט דאז זיא ווייטר זיין אז דיא פינגר · אונ' זגט :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא מאורי האש :

אונ' נעמט דען כוס אין דיא לינק הנט · אונ' בויגט אך אוז דיא נעגיל פון
דער רעכטן הנט · מן בויגט דרום דיא נעגיל דאז וייל דאז קלייד דאש שם
יתברך גימאכט האט אדם הראשון איז ווייא נעגיל גיוועזן · אונ' דא שבת
אויז אויז גנגן גיוועזן אונ' איז ווינטער גיוועזן זא האט אדם גינומן צוויא שטיין
אונ' האט זיא ווידר אננדר גישלאגן זא איז פייאר הרויש גנגן : דרום בויגט מן
בייא דעם ליכט דיא נעגיל · דר נוך נעמט מן דען כוס ווידר אין די רעכט
הנט אונ' זגט :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם המבדיל בין קדש לחול בין אור לחשך בין ישראל לעמים ובין יום השביעי לששת ימי המעשה
ברוך אתה יי המבדיל בין קדש לחול :

אונ' טוט ווידר אויז · אונ' טרינקט · איין טייל ווישן דאז פנים אודר די אויגן
מיט דעם הבדלה וויין דאז וייל עש פון מצוה וועגן הער קומט :

מן הוט דען סדר דאז די וייבר וואסיר ציהן אזא באלד נוך ברכו · דען
דער ברונן פון מרים איז איין ים פון טבריא אונ' פור אויזן
זיך דיא זעלביגן וואסיר אין די אנדרן ברונן · אונ' זיך טיקן דאז דער זעלב
ברונן אם שבת צו מאכט צו קלעם דער דאז וואסיר טויפפט · דען וועלכר
טרינקט פון דעם ברונן פון מרים דער וואירט גיהיילט ווען ער שון פול
דראלזיין ווער · איין מאל איז איין פרויא גנגן וואסיר הולן נוך ברכו · אונ' איז
איר געבן ביקומן דער ברונן פון מרים אונ' זיא איז צו לנג אויזן בליבן אזא
האט ער מאן גיטירנט איבר זיא · אונ' זיא ליז דען קריג ווליין פון וועגן

פֿרלט לורן אירש אמן · אונ׳ וואו דאש וועטר טפרילט אויך זיין לייב דאש וואר ער גיהיילט · דרום זגן חכמים איין לערניגר ברענגט ניטש אין דר בון אז זיין לורן · ער העט וואל דאש וואטר גיטרונקן אז וואר ער גאן גהיילט :

מן עשט איין וועניג אם שבת לו נכט דעם שבת לויה לו טון · איין טייל זגן עש איז איין גליד אם מענטן הייטט נסכוי דאש הוט קיין הנאה בום עשן זונדר אם שבתות לו נכט :

ווען מן ויל שלופֿן גין · זא לייט מן בור קריאת שמע · דאש איז דער פסוק שמע ישראל אונ׳ ואהבת · דען שמע ישראל היבט אן מיט איינר ש אונ׳ ענדט אויז אחד מיט איינר ד דאש איז שד · וועלכיר מן זגט דען פסוק אויך דעם בעט ווערט בהיראט בון שדים · אונ׳ דר נוך ויהי נועם · איז אך גוט בור אן גיהייאר · עש איז קיין ז אין ויהי נועם דרום וועלכיר עש זגט זיבן מאל ווערט ביהיראט בור בליזיין · מן זגט דר נוך אנדרן פסוקים אז זיא בור לאייכנט זיין אים נכט לייאן · אונ׳ ליגט זיך אין גוטט נאמן שלופֿן · עש איז איין גרושן עבירה משתין לו זיין נאקיט בור דעם בעט :

# דיא טעג בון דער גנץ וואכן

צו מורגש זאל מן בריא אויך שטין · דרום דאש מן זאל קויגן אל מלך אורן אז בור דיא זון מן היבט לו שיינן · אונ׳ ניט שפעהטר דען דאש איז די רעכט לייט · אונ׳ ווען ער אויך שטיט זאל ער הורטיג זיין אונ׳ ניט פֿאויל · זאל אין אים געלברט גידענקן ווען איין שר אודר איין הער נוך אים שיקט אודר וואייטט עטוויש לו גווין וואורד ער גר הורטיג זיין · וויא זאל ער דען נוך ויל מער אזא פריש זיין ווען ער איז אין גוט יתברך דינשט דער אים שפייז אונ׳ קליידונג גיבט אונ׳ לעבן גיבט · לז דיך ניט דער יצר הרע איבר רידן אים זאר דו הושט נוך ניט אויש גישלופֿן אונ׳ אים ווינטר איז דער קעלט אויך לו שטין · אונ׳ זאל זיין צורך טון · אונ׳ זאל לויכטיג זיין אויך דעם בית הכסא אונ׳ ניט זיין שאנד דען ויר עקן וויין ווען עש טון ויכטר איז · איין ורויא גלייך אז וואל אז איין מאן · זאל דר נוך דיא הענד וועשן בון אייניס כלי אזא דאש ער איבר דיא איין הנד גיסט דרייא מאל · אונ׳ דר נוך איבר דיא אנדר הנד אך דרייא מאל · דען עש דארף דיא איין הנד דיא אנדר ניט אן רירן ביז דרייא מאל וועטיר איז ווארדן דרויבר גיגוסן · דען זיא זיין אן ריין בון דען בויזן רוחות דיא בייא נכט זיין דרויבר גינגן · דר נוך זאל ער זיך וואל וועשן אונ׳ זאיברן דען ווען איין שלעכטר הער נוך אים שיקט · וואורד ער זיך בור וועשן אונ׳ שטרעהלן · דער פסוק זגט בירייט דיך גיגן דיינים גוט · אונ׳ מן דארף ניט אן רירן דאש מאול נוך די נאז אודר אורן ביז מן די הענד

גיוועשן

גיזעגטן האט · אן זול זיך וואל דאז פנים וועשן אונ׳ טרויקנן דען ווען ער דאז
פנים וועשט אונ׳ ניט טרויקנט שרייבט דיא גמרא וויא עש סכנה איז דאז
איינר בויזן שחין בקומט אונטר דעם פנים · אונ׳ זול דאז מאויל וואל איינן
איינג וועשן · דאז ער ניט דען נאמן בון גוט יתברך זול אויש דעם אונ
ליטיגן גאייבירטן מאויל לושן גין · ווען ער זיין צורך הוט גיטון אונ׳ זיך
גיוועשן ווען ער זיך דען אן היבט צו טרויקנן זא זול ער זגן אשר יצר:
וויל ער דען ווארטן ביז ער אין דיא שול קומט
דאז ער דיא ברכות נוך אנגדר זגט · זא מג
ערש טון · אונ׳ גיט אין שולן אונ׳ בוקט זיך גיגן
דעם ארון הקודש אונ׳ זגט מה טובו · אונ׳
היבט אן יגדל · אונ׳ אדון עולם:

אונ׳ דיא ברכות נוך אנגדר ביז אן ברוך שאמר · דר נוך ברקת אן דאז טלית אוב עכט פֿערים זיין · אן איטליכש

אן איין טייל קהלות זגט מן ניט יגדל · כו ווירמס זגט מן אך ניט אדון עולם:

איין טהייל זגין ער מוז זגין די ברכה על נטילת ידים · אונ׳ אך אשר יצר · דא וויל ער הורט אשר יצר · זא מוז ער יא די הענד וועשן אונ׳ דרום מוז ער אך זגן על נטילת ידים · עטליכי זגין ער זול אלהי נשמה דר צו זגן:

ציצית · אן בזינן קנופן · דאז קאיין פֿאדם דר בון צו ברוכן ווערי דאז ניט
דא בליב מזא ויל אז אן אויכט אום דען גרוטן ויגר וויקלן · אונ׳ אכט דיא
ברכה להתעטף בציצית · אויף איין ארבע כנפות אכט אן · על מצות
ציצית · דר נוך ליגט אן תפילין של יד · אונ׳ אכט ברכה להניח תפילין ·
אין ייענש דאז ער דען קנאפן צו ליכט אונ׳ וויקלט דיא רצועה אום דען
אריש · אונ׳ זגט דען דיא ברכה על מצות תפילין אונ׳ ליגט דיא תפילין
של ראש אויף דעם אורט וואו די שטירן אויש לושט דא דאז האר אן היבט
אונ׳ בור דיכט דר נוך דיא תפילין של יד רעכט · דאז זיא ליגט אויף דעם
הויך בום אריש וואו דער אילנבוגן איז לושט · דאז דער קנאפן צום הערצן
צו ליגט ווען ער דען אריש צום זיך ביגט · אונ׳ וויקלט דיא רצועות אום דען
אריש אונ׳ אום די ויגר גלייך וויא שדי · אונ׳ הורט ברוך שאמר מיט
איינם הויפשן ניגון · אונ׳ זגט בור זיך דיא זמירות אונ׳ ויושע אונ׳ זגט
ישתבח דר נוך · דען אן דארף ניט מפסיק זיין ביז נוך ישתבח · עש וואר
וואל גוט דאז אן ניט מפסיק ווער ביז גגן נוך שמונה עשרה · נוך דעם דער
חזן זגט ישתבח · ווען מנין אין דער שול איז · זא זגט אן קדיש · אונ׳
ברכו · דא וויל דער חזן ברכו זגט · זא זגט דאז קהל · יתברך וישתבח
ויתפאר · אז עש אין דען תפילות גשריבן שטיט · אונ׳ את יי׳ אלהיך
תירא · אונ׳ דר נוך זגט מן · ברוך יי׳ המבורך לעולם ועד ·
אונ׳ מן זגט יוצר אור ובורא חושך · אונ׳ והאופנים · לאל ברוך

נעימות· אהבה רבה· אל מלך נאמן· איט כוונה· אמת ויציב·
ביז אן גאל ישראל· דר נוך שטיט אן אויף אונ' שטעלט דיא בוס צו
אנגדר אונ' זגט שמונה עשרה לאנגזם אונ' בוקט זיך בורנן· אונ' צו מגן
אברהם· אונ' צו מודים· אונ' צו הטוב שמך ולך נאה להודות·
אן דארף ניט דינן רידן אפילו לשון הקודש· דען איך זג אויך דאז· וואו
אן ניט דארף רידן· דארף אן לשון הקודש אך ניט רידן· איין יחיד זגט
ניט אלהינו ואלהי אבותינו ברכנו בברכה· נוארט דער חזן זגט
עט· (ווייא וואל איין טייל זגן עס·) זונדר היבט אן שים שלום·
דר נוך זגט דער חזן הויך ווידר שמונה עשרה· אונ' זגט נקדש את שמך:
אונ' אן הופפט זיך ווען אן זגט קדושה· דען דער פסוק זגט וינועו אמות
הסיפים מקול הקורא· דאז איז וויא דיא זולן זיך וואגילטן בון וועגן דאז
שטיק דער דא רופט· ווען נון דאז הוז אודר שטיין טוט זיך רורן בון שטיק
דער קדושה וועגן· לא כל שכן דאז זיך דער אמגט זול רורן ווען אן
זגט קדושה· דיא גמרא טוט אך זגין דאז צו קדושה זולן הבן ישראל
דאז הערץ אונטר זיך אונ' דען לייב אויבר זיך· דער חזן זגט לעמתם ברוך
יאמרו· דאז קהל ענטוורט ברוך כבוד יי' ממקומו· דער חזן זגט
ובדברי קדשך· דאז קהל ענטוורט ימלוך יי' לעולם· אונ' דער חזן
וורט בור זיך אונ' אורט אך אלהינו ואלהי אבותינו ברכנו בברכה·
אונ' שים שלום· דר נוך זעצט אן זיך נידר:
אונ' דעקט דאז פנים צו אונ' זגט רחום
וחנון· וואו איין ספר תורה איז· דען איר
לערנט בוס פסוק· וואו קיין ספר תורה
ווער דארף אן ניט דאז פנים צו דעקן· וואו טון
ניט מנין איז· אוז אן דאז פנים צו דעקן וואו
איין ספר תורה איז· אונ' דער חזן שטיט
אויף אונ' זאגט ואנחנו לא נדע· דר נוך
הלב קדיש אונ' אשרי· אונ' למנצח מזמו'
לדוד· ובא לציון· קדיש· עלינו לשבח
קדיש יתום·
בוך שול זול אן לערנן· ווען איינר
טון ניט לערנן קאן זא זול ער
לייאן אין טייטש טרוף בויכלן אלי טג איין

אין דעקט דאז פנים כו':
(היינטעם) דען אין ירושלם
איז היטליכר גיר היבן ווייט בון
זיינם חבר גשטאנדן ווען אן
הוט תפלה גיטון דאז קיינר
הוט זולן הורן דען וידוי בון
זיינם חבר דרום טון מיר אך
אזו דאז גלייכן דאז זיך איין
איטליכר בור בפרנט מיט
דעם פנים צו דעקן· כלומר
אזו וועלט ער ניט הורן דיא
תפלה בון זיינם חבר:

ווייניג· דען אין ריכט בון ערשטן דען אנגטן ווען ער איז גישטורבן אוב
ערדאלטן הט גלערנט זיין ליל· ווייניג אודר זיל· אן זול זיך גיווינן איין שטיקלן
ברוט צו עסן נוך אן בייסן דען אונזר חכמים ז"ל זגין· דאז זעלביג ארלייא
חולאים זיין אין דער גאלין· אונ' איין שטיקלן ברוט דאז אורגן אונ' איין ווייניג
וועיר

ווער טרייבט זיא הין וועק · אביר רמ״י ז״ל פרייבט · וקיתון
אונ׳ זאל דר נוך זיין הנר׳ל אוף ריכטיג טרייבן · של מים · למי פלחין לה יין:
ווען עש לו מיטאג קומט דאז ער וויל עשן זא
זאל ער זיך בור זאגן אוב ער זיין צורך קליין אודר גרוש טון וויל·
דען ווערליך עשט אונ׳ טוט ניט זיין צורך איז גלייך אז איין אובן דען מן
האייצט אוף עש · דאז גיבט אונטן קיין היץ ניט · עש איז אך איין עבירה
ווען זיך איינר זגט ווען אויף הלטן · אז אופט זאל ער די הענט וואשן
אונ׳ דיא ברכה אשר יצר זגן ווען ער זיין צורך גיטון הוט · ווען מן וויל דר
נוך עשן אודר אורן זא זאל ער על נטילת ידים זגן אונ׳ אשר יצר · ווען ער
וויל נון עשן זא זאל ער זיך וואסן בון איינים כלי דאז לאויטר וואשר דינן איז ·
אונ׳ קיין מלאכה ווארדן גיטון מיט יינעם וואשר · אונ׳ זאל וועשן די הענד ·
טויט ויל וואשר אובר די הענד זא ווערט דיר גאָט ית׳ ויל גוטש געבן · אונ׳ זאל
אלן דיא ברכה על נטילת ידים אי ער זיך טרויקנט · אונ׳ זאל זיך וואל טרויקנן
דען ווערליך עשט מיט נאסן הענדן · איז גלייך אז איינר ברוט ווער טמא · אונ׳
זאל ניט רידן זונדר זיך זעצן צום טיש · אונ׳ בון איינים גנצן ברוט ברכת
אלן · ער זאל איין שניט טון אין דאז ברוט · דוך ניט אז דורך ווען מן דאז קליין
שטויק אוף הובט דאז דא ווידר דאז גרוש שטויק הירויב וואלן · אונ׳ זאל דרויף
שניידן וואו עש אם בעשטן גיבאכן איז · אונ׳ זאל דיא הענד דרויף ליגן ·
אונ׳ זגן ברוך אתה יי׳ אלקינו מלך העולם המוציא לחם מן הארץ:
זאל מיט איטליכם איין גוטן ביסן געבן · ניט קארגליך · אונ׳ עשן וואז דיר גאָט
בישערט · הוטשטו וויין זא זאלשט אן פרי הגפן דרויבר · אבר אוך וואשר
דארף מן קיין ברכה אלן · אבר ווען מן וואשר טרינקט ניט אים עשן זא
אלשט אן שהכל נהיה בדברו · ווען דו געשן הוטשט · זא בור געס ניט צו
בענשן · ווען דרייא מיט אננדר עשן · זא דארף קיינר ניט און זיין זאך
בענשן · ווער מיט מזומן אוט אן בענשן · אונ׳ וואש דער מענש הנאה
הוט אוף דער עולם עש זייא עשן · טרינקן · שמעקן · אז אן אלז איין
ברכה אלן · אונ׳ גאָט לובן ·

איין שעה נוך מיטאג הובט זיך דיא צייט · מנחה אן אונ׳ ווערט ביז איין
שעה בור נכט:

## צו מנחה

גיט מן שולן אונ׳ אורט אלם אשרי דען ווער אלי טאג
זגט דרייא מאל אשרי איז אים בור הייסן דאז ער חלק
לעולם הבא הוט · אונ׳ אורט שמונה עשרה · מן זגט ניט אלקינו ואלקי
אבותינו ברכנו בברכה ביים נכט נוך צו מנחה נוך צו מעריב · דען דיא
כהנים הבן קיין וויין דארפן טרינקן ווען זיא הבן ווען ישראל בענטן אים

בית המקדש · דא וויל נון צו בזורגן איז אז מן מוכט ניט מיטטרן זיין צו
מנחה אודר צו מעריב דרום זגט מן ניט ברכת כהנים · מיארט מן זגט
שלום רב · בון דאז וועגן זגט מן וואל ברכת כהנים צו מנחה אם תענית
צבור דא וויל מן ג׳וואסט הוט · נוך שמונה עשרה זגט מן רחום וחנון
מיט דעם פנים צו גידעקט אז איך בור גשריבן הב :

**מעריב** היבט זיך אן איין שעה בור נכט אונ׳ ווערט דיא גנץ נכט ·
אביר מן הוט דען מנהג דאז מן מנחה אונ׳ מעריב מיט
אנגדר אורט · דען מן מוכט זיך בול טרינקן צווישן מנחה אונ׳ מעריב
אונ׳ וואורד ניט מעריב אורן · אך דא וויל דאז קהל בייא אנגדר איז · זא
אורט מן גלייך אך מעריב : וויא מן מעריב אורט ווערטו זיגן בייא
שבתות צו נכט גשריבן · אונ׳ אך דאז קריאת שמע אויף דעם בעט לייאן :

**מונטג** אונ׳ דורשטג אורט מן אז אן אנדרן טגין · דען משה
רבינו איז אם דורשטג אויף צום היאל גגנגן אונ׳ דיא
לוחות אנטפנגן אונ׳ איז אים בור געבן וואורדן דיא זוינד דאז ישראל הבן
גימכט דז ענגל אונ׳ איז אם מונטג ווידר הרב קומן · דא וויל נון דיא טעג
זיין אין גינעדק אז אנדרן טעג דרום זגט מן איין תחנה · נוך שמונה
עשרה זגט מן טטעניריג לנג והוא רחום דר נוך רחום וחנון · אונ׳ ה׳
אלהי ישראל · דר נוך ואנחנו לא נדע · אונ׳ הלב קדיש · אונ׳ אל
ארך אפים אונ׳ היבט אויז · אונ׳ לייאט דיא וואכן סדר אונ׳ רופט אויף דרייא
מאנין · כהן · אונ׳ לוי · אונ׳ ישראל · גיגן תורה · נביאים · כתובים
דר נוך הלב קדיש · יהללו · אונ׳ היבט דיא ספר תורה ווידר איין · דר
נוך אשרי · אונ׳ אורט בולנט אויז · איין טייל ורואן צויט וואסטן אם מונטג
אונ׳ אם דורשטג · אז איך אובן גשריבן הב :

**אם** ורייטג הבן דיא ווייבר דען זיטן דאז זיא געדרן וויל טאייגכט צום
שבת קוכן בון וועגן דאז זיא חלה וועלן נעמן · זיא ווישן וואל
דז דאז איטלן דאז בון מן חלה אוז נעמן דארף ניט ויניגר זיין ווער אז גרוש
אונ׳ ויל אז דרייא אונ׳ וירליג אייאר אונ׳ עטוויט מין · אונ׳ ווען דער טייג
קלענער ווער זא דארפט מן ניט חלה דר בון נעמן · דרום ווען צווין טאייג
ווערן דיא דא אלי בייד קליין ווערן · אונ׳ אלי בייד צו אנגדר ווערן זיא ראוי
חלה דר בון צו נעמן · זא דעקט מן זיא מיט איינר צוועלן אודר מיט
אנדרש דאז גוט זאל גלייך זיין אז איין טאייג · דען דאז זעלב דאז מן דר וויבר
דעקט ביהעלפט זיא צו אנגדר אונ׳ איז גירעכנט אז איין טאייג · אונ׳ נעמט
חלה דר בון · אביר איין טאייג דער גרוש איז אונ׳ ראוי חלה דר בון צו
נעמן · דארף מן איין גר ניט צו דעקן · דען ער איז וואל אז דער גליך דאז ער זיך
וואל זעהן לושט :

# ורייטג צו נכט

אם ורייטג צו נכט גיט מן ורייאר טוגן אז: אין דער וואכן מן זגט קיין תחנה צו מנחה אונ׳ אז מן ברכו זגט זא אנצוינדן דיא ווייבר אויך דאז: אליר ווייניגשט צווייא ליכטר· דאז וויל זיא דאז: ליכט בון דער וועלט הוט אויז גילעשט דאז: זיא דען גוטן אדם הראשון אויבר רעט הוט· דאז זאל זיא דאז מיט ווידר גיהיילט ווערדן דאז: זיא אנצוינדן זאל אם שבת· עש איז אך שלום אים האויז ווען עש ליכט איז· ווען זיא אנטצוינט הוט· זא טוט זיא דאז: ליכט אויז דער הנד· אונ׳ הלט דיא הענד אויז גיטפרייט גיגן דען ליכטר אונ׳ זגט:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת:

דאז וויל מן אבער איין איטליכן ברכה אז: זגשט אכן אי מן דיא מצוה טוט· אבער עש איז דאז ניט אויגליך· דען ווען זיא זאלט דיא ברכה אלין אונ׳ דר נאך אנצוינדן· זא דארפט זיא ניט דאז: ליכט אויז דער הנט שטעלן· דרום אנטצוינט זיא בור אונ׳ שטעלט דאז: ליכט בון איר· אונ׳ הלט דאז הענד גיגן דען ליכטר דאז: זיא דאז: ליכט אויך הלט דאז: עש ניט זאל טיינן כלומר· זא הייסט עש אך דיא ברכה בור גיזאגט· דאז וויל זיא ניט לזט אויז אירן הענדן דאז: ליכט טיינן· ווען זיא דען דיא ברכה גיזאגט הוט זא טוט זיא ווידר דיא הענד הין וועק· זא טיינן דיא ליכטר הער אין דער גאנצן קאמיר· דרום איז עש איין שטות· דאז: זיא אך אזא טון אם יום טוב:

# וויא מן אורט אם ורייטג צו נכט

מן זגט ברויא ברכו דאז וויל דיא זון נוך שטיט דען עש זיין איין טייל מקומות דאז: עש גאנץ נכט איז: ווען טון מן איינש אנדרן אורט טאג נאך איז· אונ׳ אך אז: מן בון דער וואכן צום שבת טון· מן זגט ברכו מיט איינים היפשן ניגון אונ׳ אורט וויא מן זיינשט אורט· ביז הינטן אין השכיבנו· ווען מן הלט מן מעתה ועד עולם· זא לזט מן אויז· ופרוס עלינו סוכת שלומיך ברוך אתה יי׳ פורס סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים· אונ׳ דאז: קהל זגט ושמרו· ביז אן וינפש· הלב קדיש· אונ׳ מן אורט שמונה עשרה ביז אן האל הקדוש· אונ׳ זעלט איין אתה קדשת· דר נאך רצה· מודים· ביז אויז· דען היבט דער חזן אן· ויכלו השמים·

אונ׳

אונ׳ מן זגט דש מעריב · דען עש איז איין עדות דאז דער בורא דיא
וועלט הוט בשאפֿן אין זעקש טָגן · אונ׳ אם זיבנדן גירוט · ווען מן עדות
זגט · זא מוז מן אויך דיא פֿוסן שטין · מגן אבות בדברו · גין אויז · גין
קדיש · במה מדליקין · קדיש יתום · עלינו לשבח · אונ׳ גיט
בשלום היים :

עש זיין צוויא מלאכים דיא טון דעם מענטשן לויה אם ערב שבת
אין זיין הויז אייניר איז איין גוטר מלאך · דער אנדר ניט גוט ·
אונ׳ ווען מן ווידר אין דאז הויז הייםט גירירט אונ׳ דיא שבת ליכטר וואל ברענן · אונ׳
דער טיש הויפש גיריכט · זא זגט דער גוט מלאך עש זאל איין גאט וויל דען
אנדרן שבת ווידר אזו אין דעם הויז זיין · זא מוז דער בוז מלאך אמן
דרויף זגין · איז עש דען ח״ו להיפך זא זגט דער בוז מלאך עש זאל דען
אנדרן שבת ווידר אזו צו גין · אונ׳ דער גוט מלאך מוז אך אמן זגן דרויף ·
דרום זאל מן דען שבת ערן · דען גאט ית׳ טוט עש אויך רעכט ביטערן ·
מן זאל אזו בלד צו טיש גין אז מן אויז דער שול גייט · דער פסוק זגט
זכור את יום השבת לקדשו · דא זגן חכמים ז״ל גידענק דען שבת אז
בלד ער איין גיט איבר דען וויין · דאז מיינט קדוש צו מכן · אי מן קדוש
מכט זא דערפֿט מן דאז ברוט צו מיט אייניר צוועהלן · דרום דאז דאז ברוט ניט
זאל זעהן זיין שאנד · דאז מן בור ברכה מכט איבר דען וויין · אונ׳ דאז
ברוט איז בור גימעלט אים פסוק · אז דא שטיט גשריבן ארץ חטה
ושעורה · דר נוך גפן · ( עטליכי זגן · ) מן טוט דרום די צוועהל דרויבר ·
דען דער מן איז גיפאלן ניט אויף די ערד · זונשט ווער דער זיין מיאוס
גיווארדן · אביר עש איז בור בון הימל טאוו גיפאלן · דר נוך דער מן
גיבאלן אויף דען טאוו · אונ׳ דען ווידר טאוו גיפאלן אויף דען מן · דאז
דער מן איז גילעגן צווישן צוויא טל · דרום איז דא אך איין גידעכטניס
צום מן · אונטן איין צוועהל · אונ׳ אובן איין צוועהל · אונ׳ דאז ברוט אין
דער מיטן · די ורואן ורויאן מכן אך די פאשטיד אם שבת בון דאז ווענגן ·
דאז דאז גיבוילכט צווישן דען דעקן ליגט ·

אונ׳ מן זיכט די ליכטר אן ווען מן קדוש זגט · אונזר חכמים ז״ל זגן · ווען
מן גרוטן טריט טוט · דאז נעמט דאז בויגנט הונדרט טייל בון
גיזיכט דער אויגן · אונ׳ די רפואה איז דר צו דאז מן גיזיכט ווידר זאל קומן · ווען
אן די שבת ליכטר אן זיכט ווען מן קדוש מכט · דען צוויא מאל נר · איז
בויקן׳ הונדרט איין דער צאל ·

מן הייבט אן יום הששי ויכלו השמים · מן זגט דרום יום הששי
דר צו דרום דאז דער שם בון ארבע אותיות בון מיטלר ערשטן
אותיא בון דיא זיר ווערטר איז · אונ׳ דרום שטיט מן אויף ווען מן זגט דיא
זיר ווערטר · אונ׳ זגט וויא עש דא שטיט :

יום הששי ויכלו השמים והארץ וכל צבאם : ויכל אלהים
ביום השביעי מלאכתו אשר עשה וישבות ביום השביעי
מכל מלאכתו אשר עשה : ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש
אותו כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות : סברי
מורי ורבותי, ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן :
ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו ורצה
בנו ושבת קדשו באהבה וברצון הנחילנו זכרון למעשה בראשית
כי הוא יום תחלה למקראי קדש זכר ליציאת מצרים כי בנו
בחרת ואותנו קדשת מכל העמים שבת קדשך באהבה וברצון
הנחלתנו ברוך אתה יי׳ מקדש השבת :

אונ גיבט איינר דען ברכה צו טרינקן · דר נוך טוט מן דיזא אובר זוגה דיין וועק אונ׳ נעמט נוייא גלזן ברוט אונ׳ שנייט זיא ניט און׳ בור דער ברכה · אז מן זוגט אין דער וואכן טוט :

מן נעמט דרום נוייא ברוט אם שבת · דען דער מן איז דיא גלזן וואך גיוועזן אל טג · אז וויל אז מן בידארפט הוט אונ׳ ניט אין · אבר אם ורייטג איז ער גיוועזן נוייא וואך בור ורייטג אונ׳ בור שבת דען אם שבת איז ער ניט גיוועזן · דרום נעמט מן נוייא ברוט צו גידעכטניז דעם מן · אונ׳ מכט ברכה אזו : ברשות מורי ורבותי

ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם המוציא לחם מן הארץ :

אונ׳ טיילט גלייכר ברכה אויז אם שבת דען אין דער וואכן ·

ווען מן מכט ברכה אויבר וויין דאז אנדר לייט אם טיש זעלן זא זגט ער בור סברי מורי · אונ׳ ווען ער ברכה מכט זא זגט מן · ברשות מורי׳ בון דאז וועגן · דרום דאז דז בהט דאז ער וויל עשן איין רשות · דען ווען ער וועלט ניט עשן זא מוכט ער בלייבן לושן · דרום ווען ער וויל אן היבן ברכה צו מכן זא זגט מן ברשות מורי דאז ער רשות נעמט בון דען אנדרן דאז זיא מסבים זיין מיט אים דאז ער ברכה מכט בור זיא אל׳ · אביר ברכת המזון · אונ׳ קדוש אונ׳ הבדלה · דאז איז קיין רשות ניט אביר עשן אזו בעגשן · אודר קדוש מכין זא זגט מן ניט ברשות · זונדר סברי מורי · כלומר רבותי גיבט אכט דרויף צו דער ברכה · דאז איר יוצא זייט · אך אזו די ברכה דיא מן מכט אויבר דעם טיש · דא וויל מן הוט אן גיהובן צו עשן · אזו אז מן אך דר צו טרינקן דא וויל מן צו בזורגן איז

דער ווין אויזט טרינקן אכן · דרוף זגט ער סברי מורי · ( סברי
איז טויטש · אויפמערקנט ·) סכלי סלקט
דיא ורויאן זיין אך שולדיג קידוש צו מאכן · וויא וואל אלי מצות דיא ניט
טג אונ׳ נכט אויזגעטרן ווערן · זונדר אן טוט זיא ניט אנדרש ווערד
אין איר גיזעלטן צייט · אז פון אייניש יאר צום אנדרן · אז פונפציהן טג
אין תשרי אין דער סוכה עסן · אודר אם ראש השנה דאז שופר בלוזן
אודר מצות די בייא טג זיין דרווקא אונ׳ ניט בייא נכט · אז תפילין ליגן אונ׳
אל זולכי מצות עשה דאז די תורה גבוט אונז זיא טון אין איר צייט · דא
זיין די ווייבר ניט גיבוטן דרויף אונ׳ זיין פטור פון זולכן מצות · נוך דענוך
זיין זיא שולדיג קידוש אם שבת צו מאכן · וויא וואל עש איז איין מצוה די דא
קומט דרווקא פון אייניש שבת צום אנדרן · אונ׳ עש זיין אז אנדרן מצות וויא
וואל דאז זיא קומן ניט אנדרש ווערד אין איר אייגן צייט · דענוך זיין זיא
שולדיג צו הלטן גלייך אז וואל אז די מאנן ( אונ׳ דאז זיין זיא · ) דאז
ערשט · שמחה צו הבן אם יום טוב · דאז אנדר · דא דאז בית המקדש
גישטאנדן איז דא הוט מן אם שמיני עצרת די תורה גילייאט אונ׳ הוט כל
ישראל איין גיזאמילט צו הירן לערנן · דא הבן די ורויאן אך מוזן קומן · דאז
דריט · קידוש מאכן אם שבת · דאז וירד · די צוויא נעכט פון פסח איין כזית
מצה עסן · דאז פינפט · די צוויא נעכט פון פסח ארבע כוסות טרינקן ·
דאז זעקסט · די מגלה לייאן · דאז זיבנד די חנוכה ליכטר אן צינדן · אודר
אמן זגן אויף דיא ברכה פון דען חנוכה ליכטר · אביר אנדרן מצות עשה
די גאט יתברך גיבוטן הוט צו טון זיא · אונ׳ אלי צייט זיין בייא טג אונ׳ בייא
נכט · אז צדקה צו געבן · אן גאט יתברך צו גלויבן · זיין היילגן נאמן דאנקן
אונ׳ לובן · אודר דאז גלייכן · אין דען ורויאן אז וואל גיבוטן אז דען מאנן ·
אויך גינומן צוויא מצות די דא ווערן אלי צייט · זיין דרווקא דען מאנן
גיבוטן · אונ׳ ניט דען ורויאן · ( דאז זיין זיא · ) תורה צו לערנן · אונ׳ פריה
ורביה · אביר אלז וואז די תורה פורביט אונ׳ טרייבט מן אן זול דאז אונ׳ מן
ניט טון · עש זייא עש קומט נימערט פון אייניש יאר צום אנדרן · אז ניט חמץ
עסן אם פסח · אודר ניט ערביטן אם שבת · אודר ניט ערביטן אם יום
טוב · אן וואז דאז עסן בילנגט · אודר די מצוה אויזערטרן איז · עש זייא
בייא טג אודר נכט אז ניט טרפות עסן · ניט ניאוף טרייבן אודר אנדרן
מצות לא תעשה · דאז איז דען ווייבר אז וואל פור בוטן אז דען מאנן ·
( עטליכי זגן די ורויאן זייך אך שולדיג שלש סעודות צו עסן · אונ׳
הבדלה מאכן ) טון וויל איך דיר זגן וואורם די תורה הוט דיא ווייבר
גפטרת פון דען מצות דיא דא צו אירן צייטן קומן · דען דיא ורויא איז
דעם מאן פור פפליכט דאז זיא אים אז טון זיין גישעפט אונ׳ האוז אויף צו
הלטן · ווען עש טון קעם דיא צייט די מצוה צו טון · אונ׳ דער מאן

וואויד

װערד זיא עטװז הײטן זײן געטעבט צו טון · זאלט זיא נון טון די מצוה ·
אונ׳ זאלט אירט איין גיבוט ניט האלטן · זא װערד זיא אויך בעטטין פֿור אירס
אין · זאלט זיא אירט איינש גיבוט האלטן אונ׳ זאלט דאז בורא ית׳ ניט האלטן ·
װערד זיא אבר אויך ביטטן · דרום הוט זיא גאט ית׳ געפטרת פֿון זייני
מצו׳ עשה די אויארט פֿון אײנער צײט צו דר אנדרן קומן · אונ׳ ניט פֿור װאונדר
דיך אויך דאז · דען ווײר ווינן דאז זיך שם ית׳ קונטגנטערט דאז דער שם
המפורש װערד אויז געמעקט · ביי דער סוטה · פֿון װעגן שלום צו
מאכן צווישן איין אונ׳ וייב :

דענוך װיל איך דען זגן איין נחמה געבן װען זיא דיא מצות האלטן
װאז איין טון ניט גיבוטן איז הבן · זיא דאך איין לון דר פֿון ·
װען ער טון קליין איז · דען איר לערנן אין דער גמרא · דעט איז איין
גרויטר לון דעם דאז איז גיבוטן דיא מצות צו טון · אונ׳ טוט זיא · אז
איינים דעם ניט איז גיבוטן צו טון · אונ׳ טוט זיא · אבר דאז איר איך
ניט זאלט דרגן װאז איז דאז פֿור איין סברא · עש זאלט בילך להיפך זיין ·
װען איינער איין זאך טוט וויא וואל עט איס ניט גיבוטן איז זאלט בילך איין
לון הבן אז איין אנדרר · דרום װיל איך אויך ויל תרוצים טרייבן אוב
אויך איינר ניט געפֿילן · זא געפֿאט דען אנדרן : איינים דעם איז גיבוטן
דיא מצוה · טוט אוארטן דר נוך אונ׳ זארגט דרויף דאז ער דיא מצוה
װיל האלטן · אבר דעם ניט איז גיבוטן · דער זארגט ניט אזו ערנטליך
דרויף · ווגדר קומט עט איס צו הנדן · זא טוט ערט · דען עט איז
איס ניטט גיבוטן · דרום קומט עט איס ניט וואל געשיקט · זא טוט ערט
ניט · אונ׳ איר לערנן אין דען פרקים · נוך דעם זיך דער אנגט אזו איט
מצות צו טון · נוך דעם הוט ער לון · (איין אנדרן תירוץ ·) דעם עט
גיבוטן איז · װערט געשטרופֿט װען ער ניט דיא מצות טוט · זא איז
אך בילך װען ערשט טוט · דאז ער איין גרוטן לון אנטפֿפֿנגט · אבר דעם
עט ניט איז גיבוטן · דא וויל ער ניט װערט געשטרופֿט װען ערס טון ניט
טוט · זא זאל ער אך קיין גרוטן לון הבן · (נוך איין תירוץ ·) דא וויל
ער טוט דען ווילן פֿון שם יתברך · אונ׳ טוט װאז ער איס הוט גיבוטן · זא
גיבט ער איס אך איין לון · אבר דעם עט ניט גיבוטן איז · װאט פֿור ווילן
פֿון שם יתברך טוט ער · הוט ער איס דאך ניקט גיבוטן · (נון וויל איך ווידר
אן היבן אן דער סעודה פֿון שבת ·)

אלז װאש איר טון אויף דער וועלט · אונ׳ אונזרס לייב וואל פֿפֿלעגן ·
דאז אונ׳ די תורה אן עטליכן צייטן הוט גיבוטן · אז דער פסוק
זגט וקראת לשבת עונג · דאז איר אונז תענוגים אם שבת זולן אן טון ·
אודר אם יום טוב גיט דער פסוק ושמחת בחגיך · דאז אונזר
מאכן זאל זיין לשם שמים · דרום עס אונ׳ טרינק · אונ׳ לוז דיר וואל זיין ·



9

אונ׳ גידענק דאז דו ניט טוט דעגן שבת צו ערן · אביר ניט דאז אייניר
וואש ווילט אויז גבן אם ורייטג דען האלז צו בוילן · ובפרט אייניר דער
עט טוט בור אג · מיז איש טיר אין בור זוינר גירעכנט אז מצוה · דען ער
גידענקט אם שבת וואז ער וויל זונטג עשן · אונ׳ טרויארט דרויבר · אונ׳ ר
חכמים זגן אך דיין שבת צו וואך דאז דו ניט דער ליט בידא רעשט :
אים בעגשט בייא ובנה ירושלים · זעגט מן איין · רצה והחליצנו ·
אונ׳ דען ובנחי · אונ׳ בעגשט בור זיך ביז הינטן אן הרחמן הוא
יזכנו לימות המשיח · זגט מן הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו שבת
מנוחה לחי העולמים :

מן פפליגט שבת אופש צו עשן · דרום דאז וויל מן אלטג אוז הונדרט
ברכות מכין · אביר אם שבת זא אורט מן ניט גין שמונה
עשרה זא ממנגלן איין טייל ברכות · דרום עשט מן אופש אונ׳ מכט ברכה
דרויבר · דאז מן דיא הונדרט ברכות דר בולט :

אם ורייטג צונכט איז מער מצוה זיין ווייב צו גידענקן איין אז אן
אנדרן נכט איין דער וואכן · ובפרט אייניש תלמיד חכם ·
מן זאל אלי ווג צוכטיג זיין · אונ׳ גוטן מחשבות הבן דאז מן קינדר וויל הבן
דיא איין גוטש דינגט אונ׳ ורום זולן זיין :

# שבת צו מורגן

מן זגט אם שבת צו מורגן ניט אז גר בריא שון אז אין דער וואכן ·
דרום דאז וויל ניט עולת בוקר טמיד בייא דעם קרבן בון שבת
אליגט מן בון עיון שבת איין וויניג לענגר אים בעט · דוך ניט צו גר
שפט דאז מן ניט בור זעט קריאת שמע מיין זייר ציט צו אורן · דאז איז
איך דו אויר שפעט השט דער ניט ווייל בום טג · ווינטר אורד זארי · אן
גיט איין טלית אונ׳ אורט גלייך אז אין דער וואכן · גיוארט בייא דען קרבנות
זעגט מן וביום השבת · ווען מן הוט אן ברוך שאמר זא בעגשט מן
טלית · מן ליגט קיין תפילין אם שבת אונ׳ אם יום טוב דאז וויל דיא מילה
אונ׳ תפילין זיין בור איין צייכן געבן ווארן אונז דאז איר דר קענט זיין דאז
איר יודן זיין · אביר דאז וויל שבת זעלברט איין צייכן איז דאז גלייכן יום
טוב · זא דארף מן קיין אנדר צייכן · מן הויבט איין וויניג לענגר דיא
זמירות אז אין דער וואכן · מן זגט די שבת ברכות · אונ׳ ניט מזמור
לתודה · דען אם שבת הוט מן קיין קרבן תודה מקריב גיוועזן · וויא
וואל ער איין קיסטליכר מזמור איז · אונ׳ מן זגט דר נוך ויושע · נשמת ·
אונ׳ דער חזן היבט אן שוכן עד · אונ׳ קדיש : ברכו : הכל יודוך ·
לאל אשר שבת · אונ׳ אורט בור זיך גלייך וויא אין דער וואכן · ביז אן

שמונה עשרה · דיא אורט אן כי האל הקדוש · זעלט דען איין ישמח
משה · דר נוך רצה · מודים · שים שלום · דער חזן זגט שמונה
עשרה ווידר הוך אונ׳ זגט קדושה אז בקול רעש גדול · דר נוך ממקומך
מלכנו תופיע · אונ׳ ימלוך יי׳ · אונ׳ אורט אלז שמונה עשרה אויז · דר
נוך גנץ קדיש · דאז קהל זגט ויהי בנסוע ·
אונ׳ מן היבט אויז איין ספר תורה · דער חזן זגט איין פסוק · אונ׳ פיהם ·
גדלו · אונ׳ דאז קהל ענטוורט רוממו אונ׳ זגט אב הרחמן · זגט מן אי
על הכל · מן ליזט זיבן פרשיות אין דער מן אויז היבט · אין
סידור די אנדרי וואך הוט גילייט · גיגן דען זיבן כמוך · אונ׳ מלכותך
טעג אין דער וואכן · אונ׳ דען מן אויף הפט · זול אב הרחמים ·
אויך דען אלמימר גין חרך די נעהסט טויר די אונ׳ אז מן גדלו זגט ·
כיא זייניס אורט אין · אונ׳ ווען ער ווידר היראב שמע ישראל · אונ׳
גיט אז זול ער חרך די אנדר טויר גין · דען אזא אחד · דר נוך גדלו ·
שטיט גשריבן אין דער הפטרה פון פרשת
החדש · דאז ישראל אין דז בית המקדש גינגן · זאז גינגן זיא דורך די
איין טויר היניין אונ׳ דורך די אנדר טויר ווידר הרויש · ( אונ׳ אזא טוט מן אל
וועגן ) ווען מן די סדור הוט אויז גילייט · דא זגט מן הלב קדיש · אונ׳
הפט אויך דער די הפטרה זול זגן · לייט איש היניטן אין דער סדור אויף
דאז אליר ווינגשט דרייא פסוקים · דר נוך היבט מן אויף די ספר תורה אונ׳
ווייזט דעם פולק דאז כתב · אונ׳ דאז קהל זגט וזאת התורה אשר שם
משה לפני בני ישראל · דער מפטיר זגט די ברכות פור דער הפטרה ·
לוט אויז ובנביאי האמת והצדק · נוך דער הפטרה · זגט ער ווידר
ברכות לוט אויז מקדש השבת · ( מן זגט דרום די הפטרה ) דען פור
צייטן הוט מן גוזר גיוועזן דאז מן ניט זול אין דער תורה לייאן · זא הוט מן
גיאורדנט דאז מן זול אין דען נביאים לייאן · דאז דאז רעט גלייך פון וועלכן
זאכן די אין דער פרשה שטין · אז בראשית · רעט פון בישאפֿניש
דער וועלט · זא זגט מן אך איין וועלכן הפטרה די דא רעט פון בישאפֿניש
דער וועלט · אונ׳ אזא אלי הפטרות · מן דארף אך קאיין הפטרה ווייניגר
אן איין אונ׳ צוואנציג פסוקים זגן · גיגן דען זיבן מאנן די מן אויף הוט גו
רופן · איטליכם דרייא פסוקים · דען מן דארף קיינם ווניגר לייאן אז
דרייא פסוקים · אונ׳ ווייא וואז מיר אייצונדר גילערנט זייא גאט יתברך אויג וואל
תורה לערנן · דרנוך איז דער סדר ניט אם גינואן · נוך דער הפטרה זגט
דער חזן יקום פורקן · אונ׳ איז מזכיר דיא נשמות · דרום דאז די ניט הבן
דען שבת דרבלט גיהלטן · קערט מן אונז איש נהינם פור שבת אונ׳ נוך
שבת · דרום ביטן מיר פור זייא אם שבת · דר נוך מי שבירך גנץ קהל ·
( מין איין טייל קהלות אלט מן מי שבירך דער שררה וואו מן אונטר זיצט )

אונ׳ מן זאגט אשרי יהללו׃ אונ׳ היבט ווידר איין׃
דער ערשט שבת בור ראש חדש דא בענשט מן ר״ח נך יקום פורקן׃
אונ׳ נך מי שבירך זאגט מן מי שעשה נסים׃ אונ׳ דער חזן זאגט די
טעג בון ראש חדש די דא הבן צו קומן אין דער וואכן׃ אונ׳ דאז קהל
זאגט׃ יחדשהו׃ אונ׳ דער חזן זאגט ווידר׃ דר נך אשרי׃ יהללו׃
אונ מן אורט מוסף׃ דער חזן זאגט הלב קדיש׃ דאז קהל זאגט
שמונה עשרה לנגם אונ׳ זעלט איין תכנת שבת׃ דר נך רצה׃
מודים׃ אונ׳ גן אויז׃ דער חזן זאגט ווידר הויך שמונה עשרה׃ אונ׳ זאגט
נעריצך׃ אונ׳ זאגט קדושה׃ כבודו מלא עולם׃ ממקומו הוא יפן
ברחמים׃ שמע ישראל׃ אונ׳ אני ה׳ אלהיכם׃ (מן זאגט דרום
שמע ישראל) דען דא מן הוט בור צייטן נוזר גיוועזן ניט ק״ש צו זאגן׃
דא הבן זיא מתקן גיוועזן דאז מן עש זול שטעטיגליך זאגן אין מוסף מיט דעם
חזן׃ דאז מן עש ניט זול פערגעשן׃ דרום היבט מן אן שמע ישראל׃
אונ׳ לוט אויז׃ אני ה׳ אלהיכם׃ אונ׳ דא שון בטל איז ווארדן די גזרה דא
זאגט מן עש דענוך׃ גוט צו לובן דאז גוטט דאז ער אל טג מיט אונז טוט׃ דאז
די גזרה בטל איז ווארדן׃ מן זאגט דר נך ימלוך׃ אונ׳ דער חזן
זאגט תכנת שבת׃ אונ׳ גן אויז׃ אונ׳ אין כאלהינו׃ מי כאלהינו׃
נודה לאלהינו׃ דער סימן איז דאז דו דיך ניט טועה ביסט וויא זיא נך
אננדר גין׃ אמן׃ ברוך׃ אתה׃ דר נך פטום הקטורת׃ קדיש יתום׃
עלינו׃ יגדל׃ גיט בשלום היים׃ מן זול ניט עסן ביז מן גילערנט הוט
צווייא פסוקים בון דער סדרא אים חומש׃ אונ׳ איין פסוק תרגום דרויף׃
מכיר מן מאג וואל אך בור שבת מן היבן׃
מן טאר ניט פאסטן ביז אובר מיטאג אם שבת׃ מן לערנט עש בום
פסוק וקראת לשבת ענג׃ ענג שטיט מן ו׳ גשריבן׃ מכיר
תענית חלום מאג מן וואל פאסטן׃ די דרייא אודר פיר חלומות די גשריבן
זיין׃ אבר ניט אלי חלומות׃ מן מאג וואל איין חלום פאסטן אם שבת׃ דען
עש איז אים איין עונג׃ דא וויל ער וואייכט ער אך דען בוזן׃ חלום גוט
מיט דעם פאסטן׃ אונ׳ ווער אם שבת פאסט׃ מוז זונטג ווידר פאסטן׃ דא
וויל ער מבטל עונג שבת איז גיוועזן׃ אונ׳ ווז אונז טראוויאט ווען מיר
אונגוט וויל ניט פאסטן׃
מן טאר ניקט עסן בור דעם קידוש׃ מן דעקט דאז ברוט צו וויא אם
פרייטג צו נכט׃ אונ׳ זאגט סברי מרנן ורבותי׃

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן׃

איין טייל זאגן ושמרו בני ישראל׃ מן מכט ברכת וויא איך אם פרייטג צו
נכט גשריבן הב׳ אך נוא מיט דעם בענטן׃

נוך

נוך טיט זול מן לערנן · אונ׳ וועלכר ניט קאן לערנן · זול אין טייטשן
גטליכר בוכר לייאן · דען דער שבת בקלאגט זיך גיגן הקב״ה ·
וויא אלי טאג אין זיין בן זוג הוט · אונ׳ דער שבת הוט ניט זיין זוג · דא זאגט
הקב״ה ישראל זול דיין זוג זיין דאז זיא דיא תורה זאלן לערנן אן דיר · דא
וויל זיא מוסיג זיין · אקרי תורה ביקלאגט זיך · אונ׳ זאגט ווען ישראל
אין ארץ ישראל קומן · דער ווערט אין זיין וועלד גין · דער אין זיין וויין
גרטן וועלר ווערט מיך לערנן · דא זאגט הקב״ה אם שבת זיין זיא מוסיג
דא זולן זיא דיך לערנן:

צו מנחה גיט מן טוען · אונ׳ זאגט אשרי · דער חזן היבט אן ובא
לציון דר נוך האלב קדיש · ואני תפלתי · מן היבט אויז
אונ׳ ליינט אין דעם סדור די דריא וואך גין ווערט · וואו מאן אם שבת אם
מארגן הוט גילוטן · מן לייאט די ערשט פרשה · אונ׳ טאיילט זיא צו דרייא
פרשיות · רופט אויף כהן · לוי · ישראל · מן זאגט ניט האלב קדיש אויף
דער ספר תורה וויא מן אינשטטוט · דען מן זאגט ניט קדיש עס זייא דען
מן אורט עטוואש דר נוך · אז אם שבת זאגט מן אשרי · אין מוסף אורט ·
אודר אך אם מונטאג אונ׳ דורשטאג זאגט מן אשרי · למנצח · ובא לציון ·
אביר אם שבתות צו נכט · אודר אם תענית צבור צו מנחה זאגט מן ניקש
אין אן שמונה עשרה אורט · אלט אורדען שמונה עשרה אורן וועם מן העט
איין גיהובן · אונ׳ זולט ניט פור קדיש זאגן · דאז וואורד זיך ניט וואל שיקן ·
דרום זאגט מן ניט האלב קדיש אויף דר ספר תורה · מן היבט ווידר איין · אונ׳
זאגט האלב קדיש · שמונה עשרה · זאגט מן אתה אחד · דר נוך
רצה · מן זאגט שים שלום · דר נוך צדקתך · וויא וואל עס איך איין
אודר אייפיך אונ׳ טונקט עש אין עשיג׃ אונ׳ מאכט ברכה׃
ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם בורא פרי האדמה׃
אונ׳ גיבט דעם גיזינד אל איין ווייניג אייפיך מיט דעם עשיג איין גיטונקט׃
(מן טונקט דרום איין׃) דז די קינדר זולן פרגן׃ (עטליכי זגן) דרום דז
מן זול לושטיג ווערדן די מצה צו עסן׃ דען עשיג מאכט לושטיג׃ דר נוך
נעמט מן די מיטלשט מצה אונ׳ טיילט זיא אין צווייא טייל׃ ליגט דיא הלב
ווידר צווישן די צווא גנצן׃ אונ׳ דיא אנדר הלב געבן זיך אונטר דעם קוסן
אודר צו ועהל ליגן׃ צו גידענכניז דז אונזרן עלטרן הבן איר טייג איין
גיבונדן גיהאט׃ אונ׳ אויך די מצות זיין גיטראגן׃ דז גרישט חלק דז איז
איין דער הט בלייבט זול ער צו אפיקומן נעמן׃ אין ברעכט דרום די מצות

אין צוויא טיילן אונ' זאגט הא לחמא עניא · דאז איז גלייך וויא איין ענידר
שטויקר ברעכט · אונ' נעמט ניט די ערשט מצוה · זונשט ווען ער המוציא
וועלט מאכן זא ווארד ער די ערשט מצוה גיברוכן זיינן · זולט ער דען די
אנדר גאן נעמן אונ' זולט די איברשט שטין לושן זא ווערדט איין שמוך זיין
דער ערשטן · גלייך אלז ביוא תפילין ווען איינר נוקעם בון ערשטן די
תפילין של ראש · זא דארפט ער זיא ניט ווידר נידר לעגן · זונדר ער
מוז בור די תפילין של ראש לעגן · דר נוך די של יד · אונ' דאז ער אייניגדר
נוך לוט שטין די ערשט מצה אונ' בריכט די אנדר אין צוויא טייל · דאז הייסט
ניט מצוה דאז אין צוויא טייל ברעכן · אביר המוציא איז איין מצוה זא
מוז ער ביגעגנין מן דער ערשטן די גאנץ איז : דר נוך גרייפט
איידראן אן דאז בעקן אונ' זאגן מיט הוכר שטים · הא לחמא עניא · ביז אן
בני חורין :

אונ' מן טוט בור דאז איין אונ' דאז ווייט אויז דער בעקן · דז עש ניט טייטש
זיין איז ווען מן קדשים אודר קרבנות אכט אויז ירושלים · דר נוך טוט מן
עש ווידר דריין אונ' שענקט די גלעזר ווידר בול איין · אונ' טוט דז בעקן בום
טיש · דאז די קינדר ורעגן זולן ווארום טוט מן די מצות הין וועק · הוט מן דאך
נוך ניט געסן · זא ענטוורטן מן איינן · מיר דארפן ניט עסן ביז מיר לובן
גאט יתברך דער אונז אונ' אונזרן עלטרן נסים הוט גיטון · אונ' זאגט דעם
קינדר וואז ער וואייש · טוט זיא דר נוך ווידר אוף דען טיש · מן זאגט דען מה
נשתנה · אונ' עבדים היינו · ביז אן מצה זו · זא נעמט מן די מצה אין די
הנט · אך אזא צו מרור זה · ווען מן הלט אן · דם · צפרדע · זא שפרענגט
מן איטדעם ווינגר אויז דעם גלאז · אך אזא ווען מן זאגט · דצך · עדש · בא
ווייזן דאז די מכות זולן אויטן וויניג זיין · אונ' זולן אוף אונזר ויינדר קומן :

ווען מן הלט אן לפיכך זא נעמט מן דען בעכר ווידר אין די הנט אונ'
זינגט מיט הוכר שטים ביז אן הללויה · זאגט דען הלל וויא עש
בורדיר שטיט · אונ' בולגט אויז ביז אן גאל ישראל · דר נוך נעם דען
בעכר ווידר אין די הנט אונ' מכט די ברכה · פרי הגפן · אונ' טרינקט
גילאייכט · אז ויל אז איין גנצן מייאר שאל בול אוף דאז וויניגשט · אונ' דט איז דז
אנדר כוס : דר נוך וועשט ער די הענד אונ' מכט די ברכה :

ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על
נטילת ידים :

דר נוך נעמט מן דיא איברשט מצה אונ' מכט דרויבר :

ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם המוציא לחם מן הארץ :

אונ' עשט ניט דר בון ביז ער נעמט די הלב מצה אויז בעקן אונ' ליגט זיא
אויף דיגן דיער אין דער הנט הוט אונ' זאגט :

ברוך

**ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על · אכילת מצה :**

אונ' ברכֿט אזא פֿון איין אלי ביידן מיט אננדר אונ' עסט זיא · לאייניג :

מן ליגט דרום די הלב מצה אויך די גין · דען מאן מוז מאכֿן יום טוב אויך נוייא ברוט ברכת אכֿנן : וויא אם שבת · אבֿיר די הלבֿט פֿון פסח נעמט מן איין גנצן אונ' איין הלבן · דען עס הייסט לחם עוני · גלייך וויא איין ערמר דער שטויקר ברוט הוט · דר נוך נעמט ער אזא גרוט אז איין כזית דען לטיך דאז היישט מרור אונ' טונקט עס איין אין חרוסת אונ' זגט :

**ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על אכילת מרור :**

אונ' זאלט ניט לנג הלטן אים חרוסת עס אויכֿט ווינט די ביטר קייט פֿור לירן · אונ' מן עסט · דארף זיך ניט לאיינן דען מיר עסן עס פֿור איין זכר דאז מיר הבן מוזן ערביטן · אונ' די לאיינונג איז איין סימן דז מיר זיין פֿרייא הערן · אבֿיר די מצה אונ' די ארבע כוסות די זיין איין זכר דאז מיר זיין דר לויזט וואָרדן · דרום מוז מן זיך דר צו לאיינן · מן טונקט דען לאטיך דרום אין חרוסת · דען אין דעם לאטיך זיין וואורם · אונ' אלט גשווינדען באויך · חכמים ז"ל הייסן עס קיפא · ווען מן עס אבֿיר איין טונקט אין זאויאר זאכֿן · זא טט עס ניטט · אונ' פֿור טרייבט הין ווק דאז זעלב און גזונדריג דאז דינן איז · דרום מישט מן דז חרוסת מן מיט איין וויניג וויין · אודר עסיג · וואו אילגרוס זיין · טוט מן אילגרוס זאפֿט דריין · אך זילט עס וויא לאייאן · וויא איך אובן גשריבן הב :

דר ניך נעמט ער די דריט מצוה אונ' טוט מרור דרוין אונ' זגט :

**כן עשה הלל בזמן שבית המקדש קיים · היה כורך מצה ומרור ביחד והיה אוכל · שנאמר על מצות ומרורים יאכלוהו :**

דאז טוט מן איין זכר וויא הלל הוט מצה אונ' מרור מיט אננדר געסן דא דז בית המקדש איז גישטאנדן · אונ' דאוויל מן עס טלעכֿט נו איינס זכר טוט · דרום אכֿט מן קיין ברכה · אך הוט מן פֿור גימאכֿט ברכה אויבר מצה · אונ' אויבר מרור · אונ' עס אונ' טרינק · לז דיר וואל זיין · מן דארף קאיין גיברוטנס עסן די לוואו נעכֿט פֿום סדר · דאז עס ניט שטייגט זיין · מיר עסן דאז קרבן פסח גיברוטן אים גלות · (במנהגים של רבי אייזק טירנא כתב · נוהגים לאכול צלי במדינתנו · ) ווען מן הוט גנין געסן זא פֿר געס ניט דען אפיקומן לו עסן דער פֿור בורגן איז · אונטר דיא

קויפֿן · אפיקומן איז זכר צו קרבן פסח דז האט מן געסן נאך דעם
אז מן וואל זאט איז געוועזן · דערנאך זאל מן ניט מער גר זאט זיין דז מיינס
מיאוס ווערדאין צו עסן · דען עס איז מיינס ניט פֿור איין מצוה גירעכנט
דער עס וויט עסט דז מיינס מיאוס איז · די קרבן פסח אס מן וואל נאך
דעם אז מן זאט ווארד · אבער ניט אובער די מאס געסן האט · מן מוז
אפיקומן עסן פֿור מיטר נכט · מן עסט דען אפיקומן אך געלייינט אויף די
לינק זייט · אונ' דארף ניקס אין דר נאך עסן · דען דער טעם פֿון אפיקומן
אז איז אז ער בלייבן · דר נאך שענקט מן איין דז דריט כוס אונ' בענטש
דרויבר · מן פֿלייגט מזומן צו ווערן די נעכט פֿון סדר דז מן וויזן
וויל דז דער בעל בית בענטש דער חשוב איז · איז האויז · דז ער זאל
דר ווייל ער זיין דרום בענטש אך דער בעל הבית מן די נעכט · מן הוט אך
גערן מזומן דז מן קן הלל רעכט זגן · דען עס זאל איינר הודו זגן אונ'
די אנדרן צו ווייזן איז ענטוורן · ווען איינר ניט מזומן העט זא ווער עס
ניט דז ער זיך ביהעלפֿט מיט זיינס ווייב אונ' זיין קינדר די איס ענטוורן
אויף הודו · דער מהרי"ל טרייבט וויא די ווייבר אך זיין שולדיג הלל צו
זגן · אים בענטשן זעלט מן איין יעלה ויבא · איז עס שבת זא זגט
מן רצה · דר נאך יעלה ויבא · אונ' היטן בייא הרחמן הוא יזכנו לימות
המשיח · זגט מן הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו טוב · אונ' פֿולענט
אויז · אונ' זגט דען פרי הגפן · אונ' טרינקט געלייינט · אז וויל אז איך פֿור
געשריבן הב · דען היב אויף פֿון טיש אונ' שענקט מיטליכם ווידר איין דז
וירד כוס · אונ' נעמט דז כוס אין די הנט אונ' זגט שפוך חמתך · ביז אן
קראו · דר נאך לא לנו אונ' מן זינגט הודו אונ' אנא אז איך אובן געשריבן
הב · דען נשמת אונ' ישתבח · די ערשט נכט זגט מן אז רוב ניסים ·
דר נאך כי לו נאה · אונ' פֿולנט אויז · אונ' נעמט דז גלז אין די
הנט אונ' מכט די ברכה פרי הגפן · אונ' טרינקט געלייינט אויף די לינק זייט
אונ' מכט די הינטרשט ברכה די מן אווערטרן זאל מכן ווען מן גטרונקן הוט ·
מן דארף קיין וויין טרינקן נאך דען ארבע כוסות · ווען עס נון איינס
גר פֿון נויטן ווער זא מג ער דז פֿינפֿט כוס טרינקן אונ' ברכה
דרויבר מכן · זינגט דר נאך אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב · ווען ער וויל
שלאפֿן גין זא לייט מן קריאת שמע · דז איז די ערשט פרשה פֿון שמע
אונ' ברוך המפיל חבלי שינה · אונ' ניט ויהי נועם · דען ויהי נועם זגט
מן פֿון אן געהויאר ווען אז איך הב געשריבן בייא שבתות צו נכט · אונ' אך
די צוויא נעכט דרף מן זיך ניט ביוורגן פֿור שדים · זיא הייסן ליל שמורים
מן זאל אך דז האויז ניט זא גן וואל מיט ריגל בשליסן אז אנדרן נעכט · זונדר
דעם בורא פֿור טרויאן · דען עס איז געוויס דז די צוויא נעכט ליל
שמורים זיין · ( מסדר"ל כפס הור זרוע : )

# דער ערשט טג בון פסח

מן אורט די מורגן גלייך וויא זנטאג אם שבת ביז אן שוכן עד׳ טעגליכן
זגן ניט מזמור שיר ליום השבת׳ היבן אן טוב להודות׳ אבר
דער רעכט מנהג אן זול זגן מזמור שיר ליום השבת׳ דער חזן היבט
אן הגבור לנצח׳ (אין פולן׳ אונ׳ פיהם׳ אנדרן׳ היבט דער חזן אן׳ אן
אלי ימים טובים׳ האל בתעצומת עזך׳) אונ׳ אן זגט ובמקהלות׳ אונ׳
ישתבח׳ דער חזן היבט ווידר אן ברוך אתה יי אל מלך גדול
בתשבחות׳ (צו ווירמש היבט דער חזן אן׳ אן אל ההודאות׳) דען
זגט דער חזן קדיש׳ ברכו׳ אונ׳ דאז קהל זגט יוצר היבט אן אור ישע
מאושרים׳ אופן׳ ראשו כתם פז׳ זולת׳ אהבוך נפש׳ וועלן אן היינט
קומט ביז גאל ישראל׳ דא זגט מן ברח דודי׳ אונ׳ בולגט אויז׳ זגט
דען שמונה עשרה ביז אן האל הקדוש׳ זעלט איין אתה בחרתנו׳
יעלה ויבא והשיאנו׳ דען רצה׳ אונ׳ מודים׳ שים שלום דער חזן זגט
ווידר הוך שמונה עשרה׳ אן זגט קיין קרובץ׳ דען אן הוט ווילנו מוסף
צו זגן׳ אונ׳ זגט די קדושה בון שבת׳ (צו ווירמש גיט אן צו יוצר
אך צו דוכן)׳ אן זגט גנץ הלל׳ אונ׳ גנץ קדיש׳ (אין פולן אונ׳ פיהם
זגט דער חזן אן אלי ימים טובים בור אויז היבן אין כמוך׳ מלכותך׳
גלייך וויא אם שבת) אן היבט אויז צווייא ספרי תורות׳ אונ׳ זגט גדלו׳
על הכל׳ זגט אן הוך אם יום טוב) (צו ווירמש זגט אן ניט הוך על הכל׳
נוארט אם מתנת יד׳) אונ׳ אן לייט אויז דער ערשטן ספר תורה אין
בא אל פרעה ויקרא משה לכל זקני ישראל׳ רופט בונף מאן אויף׳
דא וויל ער אין היילג איז׳ אז׳ ר"ח אונ׳ חול המועד׳ גיגן די בונף וואורטר די
אין יאר ה׳ איין: אונ׳ לייט ביז אן מארץ מצרים על צבאותם׳ דען נעמט
אן דיא אנדר ספר תורה אונ׳ ליגט ז׳ בייא דער ערשט אונ׳ זגט הלב קדיש
אונ׳ רופט אויף דעם דער די הפטרה זול זגן לייט אים אין דער אנדרן ספר
תורה אין פנחס׳ היבט אן ובחדש הראשון ביז אן כל מלאכת עבודה
לא תעשו׳ אונ׳ אן זגט די הפטרה אין יהושע׳ היבט אן בעת ההיא אונ׳
בולגט אויז׳ זגט אין על התורה ועל יום חג המצות הזה׳ לוט אויז
מקדש ישראל והזמנים׳ אשרי׳ יהללו׳ היבט ווידר איין׳
איז עס שבת׳ זא זגט אן הכל יודוך׳ אונ׳ לאל אשר שבת׳ זגט אין
אתה בחרתנו׳ את יום השבת הזה ואת יום חג המצות הזה אך אזא
אין יעלה ויבא׳ אונ׳ אין והשיאנו גידענקט אן אך שבת׳ לוט אויז
מקדש השבת וישראל והזמנים׳ אין דער ערשטן ספר תורה רופט אן
זיבן אויף׳ גידענקט אין על התורה׳ מקדש השבת׳ אונ׳ זגט יקום
פורקן׳ מי שבירך׳ אונ׳ אז ניט מזכיר נשמות׳

צו מוסף זגט דער חזן האלב קדיש · אונ׳ זגט דר נוך הוך מכלכל חיים
בחסד דאז ער וויל לאייגן דאז מן ניט אין זגט משיב הרוח
ומוריד הגשם · דאז קהל אורט שמונה עשרה אונ׳ זגט אין אתה גבור ·
מחיה מתים אתה רב להושיע מכלכל חיים בחסד ביז אן הא״ל הקדוש
זעלט דען איין אתה בחרתנו · מפני חטאינו · דז קרבן בון פסח · בחדש
הראשון · אלקינו ואלקי אבותינו מלך רחמן · והשיאנו · (איז
עט שבת זא גידענקט מן שבת אוימטן אין שמונה עשרה · אי מן דאז
קרבן זגט בון פסח · זגט מן וביום השבת · דר נוך ובחדש הראשון ·
אונ׳ זגט דען ישמחו במלכותך · דר נוך והשיאנו · לוט אויז מקדש
השבת וישראל והזמנים · ) (נו ווירט זגט מן קיין קרבן בום יום טוב
גיוארט וען עט אז שבת איז · דא וויל מן זגט דז קרבן בון שבת זגט מן אך
דאז קרבן בון יום טוב ) דער חזן זגט ווידר הוך שמונה עשרה זגט ביז
אן מחיה מתים אתה ורב להושיע · זגט דען איין לנג קרובץ · דאז
הייסט דער טל · (אן זגט דרום דען טל אם פסח) דען יצחק טיקט
נוך עשו אם פסח לו נכט זגט לו איס · הייסט זיין די אוצרות בום טל אופן
גיא אונ׳ קוך איר גוטן טפיי דאז איך דיך בענטן וויל ויתן לך האלקים מטל
השמים : דאז קרובץ היבט אן ברעתו אביעה חידות · אונ׳ זגט
עט בולנט אויז · ביז הינטן זגט דער חזן שאתה הוא ה׳ אלקינו משיב
הרוח ומוריד הטל · לברכה ולא לקללה · דאז קהל ענטוורט ·
אמן · אונ׳ זגט אזא אויז · דר נוך זגט דער חזן נעריצך · אונ׳ קדושה
וויא אם שבת אונ׳ מן זגט אדיר אדירנו · דען וועלטן די לוים דען כהנים
די הענד (אין עטליכי קהלות גיט מן אם שבת לו דוכן) אונ׳ וען דער
חזן הלט אן רצה זא גין די כהנים כארבוס לום ארון הקודש · וועגדן דאז
פנים לום ארון לו · דער חזן היבט אן רצה · אונ׳ זגט ותערב לפניך
בייא ותחזנה · מודים · ביז הטוב שמך ולך נאה להודות · דען זגט
ער לנגנום אלקינו ואלקי אבותינו ברכנו בברכה ביז אן מפי אהרן ובניו
דען זגט דער חזן הוך · כהנים · זא ווענדן זיך דיא כהנים לו בולק אונ׳ הבן די
הענד אויט גישפרייט · וויא די כהנים הענד זיין זולן · אונ׳ זגין די ברכה
הוך · ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו בקדושתו
של אהרן וצונו לברך את עמו ישראל באהבה · דאז קהל זגט ·
אמן · אן דארף ניט אוין די הענד זעהן · אן אויבט זיא זגנט איר אלבן ·
דאז זיא ניט ווישטן דעלכט לו דוכן גין · אונ׳ זיא דארפן ניט אן היבן יברכך ·
ביז דער חזן אין בור זגט · ווארט בור ווארט · אונ׳ וען זיא דוינן דיא ך בון
וישמרך · דא זגט מן רבונו של עולם אני שלך · דאז איז גוט וען
איינם עטוויט בויז גיטראוימט הוט · אך אזא וען זיא דוינן די ך בון ויחנך :
אונ׳ לום בון שלום · אבירדי פסוקים די אן פאלנגט לו זגן אויטליכם

ווארט· זול מן ניט זגן· דען וואש איז אייניר וועלן אין זיין הערץ בגנט· דאש
ער ניט צו הערט· אונ׳ ניט אמיין דאז דיק דיא כהנים בענטן· שם יתברך
אין מסכים איט איין· זיא זיין גלייך אז איין טרואכיט· די טרואכעטן
פפייפט ניט· זונדר דער דיא טרואכיט איק אמול הוט· דרום ווען טון איין
כהן ווער דער איין קל וועראג ער דוק וואל גין צו דוכן:
ווען דיא כהנים אויז הבן שלום· זא זגט דז קהל· אמן· דען היבט
דער חזן אן שים שלום· זא ווענדן זיא זיך ווידר גגן ארון
הקודש צו· אונ׳ זגן· רבון העולמים· ווען דער חזן שים שלום אויז
הוט· זא גין דיא כהנים ווידר הין וועק· אונ׳ דער חזן זגט גנץ קדיש· אין
באלהינו· עלינו לשבח· יגדל· אונ׳ גיט בשלום היים· מן דארף ניט
קוכן פון איינם יום טוב צום אנדרן· אבער מן מג וואל איין גרוסן האבן מיט
פלייש קוכן דען מן טון וויניג הוט איס זיין צו עסן· וואז אויבר בלייבט מג מן
דען אנדרן טג עסן: מן אכט קדוש· וויא אם שבת·
אונ׳ דעקט די מצות צו מיט איינר צוועהלן· אז איך געשריבן הב ביים פרייטג
צו נכט: מן זול ניט צו ויל עסן דען ערשטן טג פון פסח צו אורגן
דאז מן קאן ביים נכט לושטיג די מצה עסן אוף סדר:
צו מנחה גיט מן איין דיא שול אונ׳ אורט אשרי· דער חזן היבט אן
ובא לציון: אונ׳ הלב קדיש (אויז עס שבת דא זגט מן
ואני תפלתי· אונ׳ היבט אויז לייט איין דער וואכן סדור) אונ׳ מן אורט
שמונה עשרה זעלט איין אתה בחרתנו· יעלה ויבא והשיאנו· וויא מן
צעלכטיג צו מעריב אונ׳ צו יוצר גיאורט הוט· אונ׳ מן וואָרט כיז עס נכט
איז מעריב צו זגן· דען מן דארף ניט ברייטן אודר קיין מלאכה טון ווען
עס טון עסן זאלן אן ערטעפש פון איינם יום טוב צום אנדרן· זולט מן דען
פריא ברכו זגן· זא ווירד מן היבן צו ברייטן אוף די נכט פון יום טוב·
אונ׳ תאמר עס זייא היינט וואוך· אונ׳ זא ווירד מן ביריייטן פון יום טוב
אוף די וואוך· דען איר אכן צווין טג יום טוב פון ספק וועגן· די תורה הוט
גיבוטן· גיוארט דען ערשטן טג אונ׳ דען הינטרשטן טג פון פסח צו רוען·
אך וואז סוכות· אונ׳ שבועות אונ׳ ראש השנה איין טג· אונ׳ איר
אכן איטליכן יום טוב צווין טג· דרום דאז מן פור צייטן הוט ראש חדש
גיאכט ווען די עדים זיין קומן אונ׳ הבן גיזגט איר הבן די נויא לבנה גיזעהן
אונ׳ פום זעלבן טג אן· הבן זיא מן גיהובן צו צילן דען חדש· ווען אבר די
עדים ווערן קומן אם דרייסיגשטן טג אים ייענגם חדש· זא העט מן דען
דרייסיגשטן טג ראש חדש גיאכט· אונ׳ העט מן גיהובן צו צילן פום
זעלבן טג· אונ׳ דער חדש דר פויר ווערד גיוארט נוין אונ׳ צוואנציג טג
גיוועזן· ווערן אבר די עדים ניט קומן אם דרייסיג שטן טג· זא העט מן
אן גיהובן צו צילן אם איין אונ׳ דרייסיג שטן טג· אונ׳ דער חדש דר פויר העט

דרייסיג טג גיהאט· דא וויל מיר נון איצונדר ניט וויסן ווען מן דען חדש
זול מקדש זיין· דרום מכן מיר צווין טג בון ספק וועגן· תאמר די ערים
ווערן אם דרייסיגסטן טג קומן בון אדר· אונ' זא העט מן ראש חדש
ניסן אן גיהובן צו צילן אם זעלבן טג· זא איז אם בונפצין טג דר נוך פסח·
תאמר אבר די ערים זיין ניט קומן אם דרייסיגסטן טג· זא מוסט אדר
דרייסיג טג לנג זיין· אונ' אם איין אונ' דרייסיגסטן טג העט ניסן אן
גיהובן· זא ווער אונזר זעכציהן טג אין ניסן· טרעט דער בונפציהן טג
נוך דעם חשבון בון ארץ ישראל· דרום מכן מיר צווין טג יום טוב· אך
אזו די הינטרשטן טעג בון פסח· דען אונזר שמיני של פסח מוכט מיר
שביעי של פסח זיין· אך אזו סוכות אונ' שבועות· אונ' ראש השנה:
(יום כיפור זולט ביליך אך צווין טג זיין· אבר דיא לויט וואורדן עש ניט
קיינן צו קומן צווין טג נוך איננדר צו וואסטן· דען באמת מיר זיין וואל בקי
דאז מיר וואל וויסן ווען עש צעהן טג איז חדש איז:) אונ' דרום דא וויל
מיר צווין טג מכן בון ספק וועגן· דרום אך וואז זולכן מכן זיין די אסור זיין
צו גניסן אם ערשטן טג בון יום טוב· אז ווען עטוויש וואירד גיבאכן וואורדן
אם יום טוב· אז פיש· אודר דאז גלייכן· אודר וועפט דאז אוין דעם באויס
נוך וואירד גיוועזן אם יום טוב· אודר קראויט דז נוך אין דער ערדן ווער
גיוועזן אם יום טוב· די זעלבן פיש אודר אופט מוכט מן עסן אם אנדרן
טג· דען איז עש הייט יום טוב זא מג מנש וואל מורגן עסן· דען מורגן איז
וואוך· איז עש דען דער ערשט טג וואוך זא מג מנש אבר עסן מורגן אם
יום טוב: וויא וואל מיר דען חשבון וואל וויסן דענוך איז דער
אנדר טג אזו וואל אסור מלאכה צו טון אז דער ערשט טג:
אביר ווען שבת איז נוך יום טוב אודר יום טוב נוך שבת· זא הוט
עש איין אנדר מאיינונג· אז איך הינטן נוך וויל שרייבן:
עש איז קיין אונטרשייד צווישן שבת אונ' יום טוב וואז דא אסור איז
אם שבת איז אך אסור אם יום טוב· אויש גינומן אלז וואז מן
טרעפט עסן טפייז מג מן וואל אם יו"ט טון· אז צו קוכן אונ' אלז וואז דר צו
גיהוירט· מן מוז זיין זעכן די טון צום עסן גיהוירן אונ' מן קיינט זיא טון אם
ערב יום טוב· זא דארף מן עש ניט טון אם יום טוב· אביר ווען מן עש
טעט אם ערב יום טוב זא וואירד עש דען טעם בור לירן אונ' וואירד ניט
אזו איין גוטן טעם הבן· אז ווען מן עש ערשט מכט אם יום טוב· זא מג
מן עש וואל שפארן אוין יום טוב: איין טייל ספרים שרייבן
וויא דיא ורואויל איז מכן די מן מוז אם ערב יום טוב טון· דען ווען ורואיט
טייג מנ זיין טג אלט זא זיין זיא בעטר· אז ווען זיא וריש גימכט זיין:
פפעפיר בור לירט איין ווייניג דען טעם ווען מן איין שטוסט אם ערב
יום טוב דרום מג מן איין וואל שטוסן אם יום טוב· רק זול
מן

אונ איין פֿור ענדרונג מאכֿן · אז דען שטויסל אויבר זיך נעמן · אודר דען מורטל אויף איין זייט הלטן · דאז מן קאן דר קענן דאז מן עס פֿון יום טוב וועגן טוט · דאז מן ניט אין שטוסט · וועדר מן בידארף :

דאז ווייט דאז אם ערב יום טוב איז גישעכֿט ווארדן · זאל מן פֿורן אם ערב יום טוב · אונ׳ אזו אלז וואז דא מויגליך איז צו טון אם ערב יום טוב · אונ׳ דאז עס דעם ניקט שאט · דארף מן אם יום טוב ניט טון · דען זולט מן זולכֿן זאכֿן דארפֿן טון אם יום טוב · זא ווערד איינר זיין גגן ועלר מיט קורן אב שניידן · אונ׳ די טרויבן אלאב שניידן אם יום טוב · אונ׳ ווירד דען גנצן יום טוב זיין צייט אזו פֿור ברענגן · ווירד ניט שמחת הבן אם יום טוב : מן דארף קיין נוי פֿרויאן אם יום טוב דען עס איז צו בזורגן מן אוילטר איין אכֿן פֿון זיינן וועגן · אבר אם שבת מג מן איין וואל פֿרייאן דען עס איז די זורג ניט צו הבן · דא וויל מן אם שבת ניט קוכֿן דארף · אבר ווען דער נוי מן גיבֿר קעם אין דאז יהודי האויז · זא מג מן אים וואל הייסן מיט עסן : מן דארף אם יום טוב קיין תענית חלום פֿאסטן · אונ׳ אם שבת מג מן וואל פֿאסטן · דען עס שטיט בייא שבת עונג גשריבן · אונ׳ דאז איז זיין תענוג ווען ער פֿאסט דען ער מיינט ער מג זיין זאך דא מיט גוט · אבר אם יום טוב מוז ער שמחה הבן · אונ׳ עס הייסט קיין שמחה וועדר מיט פֿלייש אונ׳ ווין :

מן מג וואל פֿיל פֿלייש אין האקֿן טון · ווען מן שון ניט וויל אזא פֿיל עסן · דען דאז פֿלייש ווערט דר בעסר ווען מן פֿיל בייא אנדר קוכֿט · אבר מן דארף ניט פֿיל מן איין ברוט שפיז שטעקן ווען מן ניט הוט איינז זין אלז צו עסן · דען דאז גיברוטנס ווערט דרום ניט דר בעסר ווען שון פֿיל אויף אנדר שטעקט : ווען מן דז פֿלייש לושט בייא דעם קצב זא דארף מן ניט מיט איינם אסר בשר שרייבן · ווי אז גשט · אבר מן זאל איין אנדרן סימן דארן גמאן · אבר ניט שרייבן :

ווען איין גוי הט גיברוכֿט אם ערשטן טג פֿון יום טוב עטוויש אויז דעם תחום · ווען עס פֿון זולכֿן זאכֿן זיין די ניט אין איין דער ערדן שטין אז אופשט איז פסח · אודר דאז עס זולכֿן זאכֿן זיין די ניט זיין גיבאכֿן ווארדן אם זעלבן טג · אז גיזאלצן פֿיש אונ׳ דאז גלייכֿן · דאז מן קיין אנדרן איסור קיין טראכֿטן אז דאז עס אויז דעם תחום איז קומן · זא דארף עס דער יהודי ניט גניסן דעם מן עס גיברוכֿט הוט · אך זיין גנץ הויז גזינד ביז עס נכֿט ווערט · אבר אנדרן יהודים אייגן עס וואל עסן · אבר ווען עס וועדר זולכֿן זאכֿן דאז צו בזורגן איז מן הבט אם זט אויט גריסן · אז אופשט אין סכות · אודר קירשן אם שבועות · אודר פֿיש · דאז עס אויכֿט גזיין זייא אויכֿטן זייט יום טוב איין גנץ איז גיבאכֿן ווארדן זיין · דא דארף דער זעלב יהודי דעם מן גיברוכֿט הוט זולכֿן זאכֿן נוך ערב נוך זיין גנץ הויז



25

גיזינר ניט גיסן ביז יום טוב גגן אויז איז· אונ׳ ווען זיך אויז איז אז ער
דאך אזא לנג ווארטן אז איינר אויבט אן דאש גיטשטן אורט בון דער זעלבן
שטאט זולן זאלן אב רייסן אודר ווכגן וואז זיא איין אש גיהעשטן אורט· אונ׳
אים זיא ברענגן· ( דאז הבן דאש חכמים ז״ל בור בוטן· ) דען זולט ער
אז בלד אויך גיסן אז יום טוב איז ווער· דאז ווירד ער אש זיך זעלברט נוש
נרייגן דאז ער אים זולט ברענגן זולן זאלן· אין דען ווארטן דאז ער אז
בלד נוך ליט העט· אבער ווען ער זיכט דאז ער ניט דארף גיסן אפילו
נוך יום טוב ביז אזא לנג אז איינר אויבט גין אן דאז זעלב אורט וואז זולך
וומש איז אודר ויט זיין· אונ׳ דאז אן איאש קוינט ברענגן· זא ווערט ער
נישט לורעש נרייגן דאז ער אש יום טוב טון זול· דען וואש גווינט ער
דראן· ער אז דוך ווארטן נוך יום טוב אז ויל אז ער אים ברענגן טעט·
( אבער אנדרן יהודים איינגרדאז זעלב טשן אז בלד דער אנדר טג בון יום
טוב איין גיעט: ) וואש זאלן ווערן די ניט צו בורגן זיין דאז עס אש
יום טוב אויבט אויז גריסן זיין ווארדן· אודר גיבאנגן ווארדן· אונ׳ איין נוי
ברענגט זיא אין די שטאט בון קיינט יורן ווענגן זא אג אידראן דר בון נעמן·
אונ׳ אגט אם זעלבן טג עשן· אבער וואז צו בורגן איז עס אויבט זיין אש
זעלבן טג זיין אויש גריסן אודר גיבאנגן· דאז אג אן דעגוך וואל דר בון נעמן
דאז אן עש דען אנדרן טג עשן וויל· אבער אם זעלבן טג דארף אן ניט עשן:
ווען יום טוב ווער אש פרייטג אונ׳ אן בהילט איינש יורן דען
ערשטן טג בון יום טוב דאז צו בוירגן איז עס אויבט אויז גריסן אודר
גיבאנגן ווארדן זיין אש יום טוב זא דארף ער ניט גיסן ביז פרייטג צו נכט
אונ׳ ווארטן אזא לנג ביז אן די מלאכה טון קוינט אונ׳ הייש ברענגן· וויא
אובן גיזגט איז· ווען עס אבער יום טוב בון ראש השנה ווער· זא דארף עש
ער ניט גיסן ביז שבתות צו נכט אונ׳ דר צו ווארטן· ( אין הלכות ר״ה
ווערט איר דען טעם ויורן: ) אך דז גלייכן ווען עס קעם אם פרייטג דאז
דארף אן עש אך ניט גיסן ביז שבתות צו נכט· אונ׳ ווארטן וויא אובן שטיט
אודר ווען אם זונטג יום טוב ווער· אונ׳ עס קעם אם שבת דר בור· זא
דארף אן עש אך ניט גיסן ביז גין זונטג צו נכט· אונ׳ אוז דר צו ווארטן וויא
אובן שטיט: איין נכרי דער אייאר ברויבט אש ערשטן טג ניט בון יורן
ווענן· ווען ער זגט זיא זיין געשטרט גילעגט ווארדן· דאז איז ער נאמן
דען איין זולכן זאכן זאגט ער ניט לויגן· דען ער קוינט די ווייטן אייאר בעסר
בור קויפן· אבער אם אנדרן טג דארף אן ניט בון אים קויפן· אך דאז גלייכן
ווען אם זונטג דער ערשט טג יום טוב ווער· אונ׳ ער זגט זיא ווערן אם
שבת גילעגט ווארדן טאר אן אך ניט בון אים קויפן: ווען אן בויש
איין הון אודר וואז עס ווער זא אג אן וואל דאז גבוילט צו נעהן· אונ׳ דען
ווערש אב ברענגן· אן זאל אבער דען וועיש איינר גורל טון אם ערב יום טוב·

וועֶן מן מצה רייבט אויף יום טוב · אזו דארף מן זיא ניט דוך דאז זיפ רעדן · דאז די גרוֹבן שטיקר אויז דען קליינן קומן ·
מהרי״ל טרייבט ווֹיא וואל דאז אן דען מנהג הוט דאז מן שחט אן יום טוב נך עסן אוף די נכט אודר אויף דען אנדרן טג · אונ׳ גיבט דעם שוחט די עבר דר בון אודר איין כזית אליין דר בון עסט · דרנוך זאל מן זיך שויאן אזלכט צו טון · דען מן זיכט אופן בערליך דאז מן עס טוט בון ערמה ווענ׳ מן זאל די טויבן ניט טפוילן וועֶן מן גבטן הוט דאז אורץ אויף די נכט · מן מג וואל קוכן אם אנדרן טג נך עסן · וועֶן מן וועלט בייא טג עסן · מג אן אן אווארטרן ליכטר מן צו ריכטן ווען מן טון נוך ניט ברכו גיזגט הוט:

# אנדר נכט בון פסח

וועֶן עס נכט איז זא זגט מן ברכו · אונ׳ זגט איין מעריב היבט אן ליל שמורים אור ישראל · דער ביכור היזגן אין השכיבנו היבט אן אור יום הנף · אונ׳ בולגט אויז · דז קהל זגט · וידבר משה · וויא גנעכטיג · האלב קדיש · שמונה עשרה · זגלט איין אתה בחרתנו · יעלה ויבא · והשיאנו · אויז עס שבתות צו נכט זא זגלט מן אין אתה בחרתנו בייא ותתן לנו · ותודיענו · דר נוך היבט מן ווידר אן ותתן לנו · אונ׳ אורט בולגט אויז · מן אילט זיך אין די אנדר נכט אז די ערשט נכט · דען מן גיט שפעט אויז דער שול · אונ׳ מן וויל ערשט קוכן · עס אויסט זיך בור ליהן דען אפיקומן צו עסן ביז צו מיטר נכט · דער סדר בון דער אנדרן נכט איז גלייך וויא די ערשט נכט און היגטן · ווען נשמת אונ׳ ובמקהלות גיזגט הוט · זא זגט מן אומץ גבורותיך · מן אז רוב ניסים שטאט דאז מן נעכטיג גיזגט הוט · דרנוך כי לו נאה כי לו יאה:

# ספירת עומר

מן היבט אן דאז עומר צו צילן · די אנדר נכט בון פסח אונ׳ צילט עס אלי נכט ביז די גכט בור ערב שבועות · מן צילט אל נכט איינש אין אז די בורינ׳ נכט · אונ׳ מן צילט דיא טעג אונ׳ די וואכן · אלי נכט אכט מן די ברכה על ספירת העומר · אונ׳ מן אונטשטענדיג דאז עומר צילן אונ׳ זגט יהי רצון נוך דעם עומר · דאז וויל עס אויז מדרבנן דאז עומר צו צילן · זא ביטן מיר דאז דז בית המקדש זאל ווידר גיבאויט ווערדן זא וועלן מיר די מצוה הלטן מן התורה · וואוישט איינר ניט וויא ויל אים עומר ווער אמג ער וואל ברכה אכן אונ׳ זיינם חבר נוך צילן דער דא וואל וויס וויא ויל אים עומר איז · העט איינר בורגעסן דאז עומר צו צילן בייא נכט זא

זאלט ער דאז אורן בייא טג · אונ׳ אלט קיין ברכה · ענטליך זגן ווען ער
האט איין טג בור געטן די עומר זגן · זא דארף ער דאז גאנץ יאר קיין
ברכה אין זגן אויבר דאז עומר · דען ער זול דאז עומר ציילן אן ברכה ·
אביר עס איז דאז בעסט דאז ער זיך שטעלט בייא איינס אנדרן ווען ער די
ברכה זגט על ספירת עומר · אונ׳ ער זול אמן דארויף זגן · אונ׳ דען דאז
עומר ציילן · ווען איינר האט גיציילט דאז עומר אונ׳ האט קיין ברכה
גימאכט דא ווער ער יוצא · אונ׳ דארפט קיין ברכה אין מאכן · דרום אך ווען
איין זיין חבר פרעגט ווען עס איז נייט די עומר זגן וויא ויל הבן מיר היינט
אים עומר זא זול ער זגן היינט הבן מיר אזא ויל גיהאט : דען ווען ער זיינם
חבר זגט מיר הבן אזא ויל · דא דארפט ער ניט אין דאז עומר זגן ·

דער בורא ית׳ האט גיבוטן מן זול דאז עומר ציילן בון פסח ביז גין שבועות
דרום דאז וויל איטליכר האט טאפין אין זיינס ועלר אין דער זעלבן
צייטן · אונ׳ ווירד ניט לוס רגל גין · דרום זול מן עס ציילן דאז מן ניט בור
געסט דען יום טוב בון שבועות · (איין אנדרן טעם) אלס איז גלייך צו
איינס דער דא זיצט תופס אונ׳ דער מלך בור הייסט אים ער וויל אים אויך
די צייט אויז דער תפיסה טון אונ׳ וויל אים די טאכטר געבן · זא ציילט ער דיא
טעג אונ׳ די וואכן : אזא אך ישראל דא זיא זיין אויז מצרים גנגן · הבן
קוס די שעה קיינן די ווארטן ביז אין גאט ית׳ האט די תורה געבן אם שבועות
די איז די טאכטר בון הקב״ה · די וויבר זיין ניט שולדיג דאז עומר צו
ציילן · דען עס איז איין מצוה עשה די בון איינם יאר צום אנדרן קומט · דא
זיין זיא פטור דר בון אז איך גשריבן הב בייא ורייטג צו נכט :

# דער אנדר טג בון פסח

אורט מן וויא געטערט · אונ׳ מן זגט איין יוצר היבט אן אפיק רנן · דאז
אופן גן נעול · דאז זולת · אורך כי עניתני · אונ׳ בולגט אויז
היגטן בייא גאל ישראל · זגט מן ברח דודי · מן אורט שמונה עשרה
וויא געטערט צו יוצר · מן זגט איין קרובץ היבט אן אסירים אשר בכושר
(צו ווירט ניט אן צו דוכן צו יוצר ·) מן זגט גנץ הלל · אונ׳ דען גנץ
קדיש · אונ׳ היבט אויז צוואו ספרי תורות לייט מן דער ערשטן אין אמור
היבט אן וידבר יי׳ אל משה לאמר · שור או כשב · אונ׳ רופט בוניף
איין אונ׳ לייט ביז אן וידבר משה את מועדי יי׳ אל בני ישראל · אונ׳
לייגט די אנדר ספר תורה בייא דער ערשטן · אונ׳ זגט קדיש · דען רופט מן
אויף צו דער די הפטרה זגט אונ׳ לייט אין דער אנדרן ספר תורה אין פנחס
גלייך וויא געטערט · זגט איין הפטרה היבט אן וישלח המלך · אין
מלכים · דען אשרי · יהללו · אונ׳ היבט ווידר איין · צו מוסף אורט

אן גלייך וויא געטערט· אן זאגט קיין קרובץ· מן גיט צו הוכן גלייך
וויא געטערט· אונ׳ אוורטרן צו מוסף זאגט דער חזן· ותערב אין רצה·
קדיש· אין כאלהינו· עלינו· יגדל· מן גיט בשלום היים׃
מן   אכט קידוש אונ׳ ברכת גלייך וויא געטערט׃

(וואז מן אם פסח ניט טאר נייסן פון חמץ וועגן·)

מן   פפלעגט קיין זאפירן אם פסח צו עסן· דען וועלן ער די ווארב
פור לורן הוט· זא טון אין די קרעמיר ווידר איין זאואר טייג זא
בקומט ער ווידר זיין ווארב׃   ווען   איין ווייצן קורן אודר האבירן
קורן וועדר קומן אין איין עסן זא ווערט עס חמץ· אביר לינזן אודר הירזן אונ׳
רייז אודר ערבייזן ליגט ניקט דראן· דען עס זיין נייארט בוינן ארלייא
תבואה די חמץ ווערדן· (די זיין זיא·) ווייצן· גערשטן· רוקן·
האבירן· טינקל· ווען אייניר איין ערביש זופא געסן הוט אם פסח
דארפט ער ניט תשובה דרויף נעמן· אביר וועלכר עס לכתחילה וועלט
טון· דער ווער עובר על דברי חכמים· דען אין הוט דען מנהג ניקש
קוירניכט צו עסן׃   דער   חמץ איז האויז ועגר אם יום טוב זאל
אין כלי דהייבר שטורצן· ביז חול המועד אונ׳ נוך יום טוב זאל ערש
פור ברענן· אונ׳ קיין הנאה פון דער עש הבן׃   מן   פפליגט
אין אשכנז קיין צוקר צו עסן דען די קרעמיר מיטן אלו דרונטר׃ אפילו
צוקר קאנדייא· דען ווען אין ווידר צוקר קאנדייא עסן· זא ווירד אין אך
אנדרן צוקר עסן· אך וויינן עטט אין ניט פון דאז טעם וועגן· (אין וועלש
לנדר עסט אין צוקר· אונ׳ וויינן אין די ריסטן׃)   מן   זאל קיין הוניג
אך עסן דען אין טוט אלו דארייאן· ווען טון אייניר הוט הוניג פון די בינן
גינומן דאז ער ווייט דז קיין אלו דרינן איז· דארף אין דענוך ניט עסן· פון
אנדרן הוניג וועגן׃   קלייבן   וויינברליך אג אין וואל עסן· דען
אין קאן זיא ניט מזייף זיין· אין אשכנז נייכט אין קיין גיזאטן וויין דער איז
חמץ קעסיל גיזאטן איז· ביז דען היינטרטן טג פון פסח· אונ׳ וועלכר
קאן מחמיר זיין אין דען זאכן פון פסח· תבא עליו ברכה· דען חמץ
איז איז פסח אסור בהנאה· אונ׳ וויא ווייניג עס איז· דאז עס זאל
הערביר איז· אז אנדרן איסורים דיא זיין בטל בששים· אונ׳ דר צו אג אין
וואל הנאה דר פון הבן· אך אנדרן איסורים הוט אין זיך איין גנץ יאר דר
פור· אבר חמץ הוט אין איין גנץ יאר איז היינ· דאז אין זיך ניט קאן דר
פר היטן· דרום זאל אין זעהן איז פסח וויא אין איז טוט׃
צו מנחה   אורט אין וויא אין נעכטיג צו מנחה גיאורט הוט מיט אלן זאכן·
אונ׳ אין ווארט ביז נכט איז· אונ׳ זאגט דען והוא רחום· אין
שמונה עשרה זאגט אין ניט משיב הרוח· אונ׳ אך ניט אין ותן טל ומטר·

ווארט מן זאגט ותן ברכה על פני האדמה · אונ׳ אתה חננתנו · אונ׳ דאז גיגן חול המועד זעלט מן איין יעלה ויבא בייא ותחזנה אונ׳ זאגט ביום חג המצות הזה · דר נוך גנץ קדיש · מן זאגט ניט ויהי נועם · נוך ניט ויתן לך · אונ׳ מן מכט הבדלה :

ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם המבדיל בין קדש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים ובין יום השביעי לששת ימי המעשה ברוך אתה יי׳ המבדיל בין קדש לחול :

מן שמעקט ניט בשומים · נוך בענשט ניט דיא ליכט : איז דער אנדר טג פון פסח אם פרייטג · זא ווארט מן ניט ביז גיגן נכט אביר מן זאגט אז באלד נוך מנחה · ברכו · אונ׳ ווארט אז דו ווינשט בייא שבת אים חול המועד פון פסח :

# חול המועד פון פסח

מן ווארט וויא מן זאגט איין דער וואכן ווארט · נור מן זאגט ניט מזמור לתודה · דען מן האט קיין קרבן תודה אם פסח גיברכט · דא וויל חמץ איז דרינן גיוועזן · איין טייל אובה הופכן מזמור לתודה · אונ׳ היבן אן הריעו ליי׳ כל הארץ · אביר וועלכר מכט שון זאגט זא ליגט ניט ויל דראן : מן ליגט תפילין אים חול המועד · אביר מן מכט קיין ברכה ניט · דרום דאז איין איטליכר יהודי מוז תפילין ליגן דאז איז דרום · צו בווייזן מיט צווייא עדים דאז ער איין יהודי איז · איינט איז די מילה · דאז אנדר די תפילין · אונ׳ אן שבתות אונ׳ ימים טובים דא דארף מן ניט תפילין ליגן דען דער שבת אונ׳ יום טוב איז איין עד אן דען תפילין שטאט · עטליכי זאגן נון · דא וויל חול המועד ניט אזא גיגן יום טוב איז דען מן מאג עטליכי מלאכה טון · זא איז עס קיין עד אונ׳ מן מוז תפילין ליגן אונ׳ דאז איר איין נון באווייזן דעלפט טון · זא ליגן איר תפילין · אונ׳ אבן קיין ברכה דרויבר : דען ערשטן טג אים חול המועד פון פסח היבט מן אן דיא זמירות זאגן איין פסוק אום דען אנדרן :

ווען מן קומט אן הלל · זא זאגט מן ניט גנץ הלל · אנדר גלייך וויא אם ראש חדש · דען די מצריים דערטרונקן אים מער אם זיבנטן טג פון פסח · וויא וואל זיא ווארן פיינט יהודים · האט דער בורא יתברך ביטעמפט זיינר הענדר ליב · דרום זאגט מן ניט גנץ הלל אם זיבנטן טג · דען דא וויל דר טרינקן זיין ווערק דער הענדר פון שם יתברך · זאלט מן נון אים חול המועד גנץ הלל זאגן · זא העט עס איין אנזעהן אז וואן חול המועד גרעסר ווער אז דער זיבנט טג · דא וויל מן אין ניט גנץ הלל זאגט · דרום זאגט מן אין חול המועד אך ניט גנץ הלל :

ווען הלל אויז איז זא זאגט דער חזן גנץ קדיש· דען וואו מן מוסף
אורט זא זאגט מן גנץ קדיש פֿור אויז היבן· אונ׳ מן היבט אויז
צווייא ספר תורות· לייט דען ערשטן טג פֿון חול המועד· אין דער
ערשטן ספר תורה אין דער סדרה· בא אל פרעה· היבט אן· מן קדש
ליכל בכור· אונ׳ רופֿט דרייא מאנן אויף· אונ׳ לייט ביז מן הוציאנו
ה׳ ממצרים· אונ׳ מן גלאוט די אנדר ספר תורה אונ׳ לייט דעם ווירדן אין
פנחס· וואו מן געשטערט געלייט הוט· אביר מן היבט אן והקרבתם ביז
אן כל מלאכת עבודה לא תעשו· דען גלאוט מן ווידר די ערשט ספר
תורה אונ׳ ליגט זיא צו דער אנדר אונ׳ זאגט הלב קדיש· אונ׳ היבט ווידר איין
דרנאך אשרי· ובא לציון· אונ׳ הלב קדיש:

אונ׳ מן אורט מוסף· אתה בחרתנו· מפני חטאינו· והקרבתם·
אלהינו ואלהי אבתינו מלך רחמן· ביז אן אשר נתן לך·
והשיאנו דרנאך רצה· גלייך וויא מן אם יום טוב אורט:

אונ׳ אך אזוא אורט מן אל די טג פֿון חול המועד· אנדר אייט דעם
לייאן אין דער ערשטן ספר תורה זיין זיא אונטר שיידן·
אביר אין דער אנדרן· לייט מן אורשן והקרבתם:

אם אנדרן טג פֿון חול המועד לייט מן אין דער ערשטן ספר תורה
אין משפטים· מן היבט אן אם כסף תלוה אונ׳ רופֿט דרייא
אויף· אין דער אנדרן ספר תורה לייט מן דעם ווירדן אין פנחס· היבט
אן והקרבתם וויא געשטערט: אם דריטן טג פֿון חול המועד
לייט מן אין דער ערשטן ספר תורה אין כי תשא היבט אן· אן פסל לך·
ביז אן בחלב אמו· אונ׳ רופֿט דרייא אויף· דעם ווירדן לייט מן אין דער
אנדרן ספר תורה וויא געשטערט· אין פנחס: אם ווירדן טג
אין חול המועד· לייט מן אין דער ערשטן ספר תורה אין בהעלותך·
היבט אן וידבר ה׳ אל משה במדבר סיני· ביז אן ולאזרח הארץ·
אונ׳ רופֿט דרייא אויף· אונ׳ דעם ווירדן לייט מן אין דער אנדרן ספר תורה
אין פנחס וויא געשטערט: אזוא לייט מן נוך אנדר ווען ניט שבת איז
אין חול המועד אודר ווען שבת ווערט דער דריט טג אין חול המועד:

ווען אביר שבת ווער אם ערשטן טג פֿון חול המועד· זא לייט מן
אם זעלבן שבת דאז מן זולט לייאן דען דריטן טג אין חול
המועד· אין כי תשא· היבט מן ויאמר ה׳ אל משה ראה אתה אומר
אלי דאז שטיט אין דער פרשה פֿון פסל לך· אונ׳ דען אנדרן טג· וואז
מן אם ערשטן טג זולט לייאן· אין בא אל פרעה· היבט מן קדש·
אונ׳ דען דריטן טג וואז מן אם אנדרן טג זולט לייאן אין משפטים· היבט מן
אם כסף תלוה· אונ׳ דען ווירדן טג לייט מן וואז מן צום ווירדן טג געהערט·
אין בהעלותך:

# שבת חול המועד בון פסח

אם ורייטג צו נכט אורט מן וויא זיגשט אם שבת · מן זעגט יעלה
ויבא אין בייא ותחזנה · זגט את יום חג המצות הזה · אונ'
ניט ביום השבת הזה · דען מן הוט בור שבת גימכט אין אתה קדשת · אך
אם שבת ראש חודש גיר זנקט מן נוט שבת אין יעלה ויבא · (רבינו תם
הייט ניין אול אין חזן זגן את יום ראש החדש הזה ואת יום המנוח
הזה · דז זגט רבינו תם צו אים · מנוחעם הארץ היה · (אונ' זגט ויכלו ·
מגן אבות · (אויז טעט דאז שבת ווערט בלר נוך יום טוב · דא זגט מן
ניט מגן אבות · דען מגן אבות איז גי אכט ווארדן בון דער מזיקין וועגן ·
דיא זי שפאטוועדן טון קומן · אז איך גשריבן הב בייא דער ערשט נכט בון
פסח · אונ' אז יום טוב קומט אירא ן ברויא טון · דען מן הוט ניט צו
ערביטן · (אין פולן · אונ' פיהא · זגט מן מגן אבות · אונ' זגן דען טעם ·
אי זונדר זיין איך קיין מזיקין · אונ' מן זגט נוט דענוך ·) אבירמין אלי
קהלות זגט מן ניט במה מדליקין · ווען שבת חול המועד ווערט בלר
נוך יום טוב : אים בטגשן זגט מן רצה בור · דר נוך יעלה
ויבא · זגט ניט ביום השבת הזה : צו מורגנש אורט מן וויא
זיגשט אם שבת · זגט אין יוצר · היבט מן אהבוך · דז אופן · דודי ·
זולת · אלה וכאלה · הינטן בייא גאל ישראל · ברח דודי · הלם
הלל · קדיש · אונ' איטליכר מכט די ברכה ווענגנט · ברוך אתה יי'
אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מקרא מגלה :
אונ' ליינט שיר השירים · (מן לייענט שיר השירים אם פסח · דאז
ווייל עש רעט בון דער גאולה בון מצרים ·) קדיש יתום · (אין פולן
אונ' פיהם · זגט מן בור אויש היכן · אין כמוך · מלכותך · וויא זיגשט אם
שבת ·) היבט אויש צווייא ספרי תורות · ליינט אין דער ערשטן זיבן
פרשיות אין דער סדור · כי תשא · היבט אן · וידבר משה אל יי' ראה
אתה אומר אלי · לייעט ביז אן לא תבשל גדי בחלב אמו · זגט דען
הלב קדיש · חפט אוין דער דיא הפטרה זגט אונ' לייט אויש אין דער
אנדרין ספר תורה אין פנחס · וואז מן גטעטרט גי לייט הוט · היבט אן
והקרבתם · ליט אויז כל מלאכת עבודה לא תעשו : אונ' זגט די
הפטרה · אין יחזקאל · היתה עלי יד יי' · דען זי זאגט בון תחיית
המתים · דאז ווערט אין אין ניסן · אז גיטש ווילי · אונ' אין על התורה ·
לוט מן אויז · ברוך אתה יי' מקדש השבת · אונ' ניט מקדש ישראל
והזמנים · אים חול המועד בון סכות זגט מן עש וואל · דען סכות הוט
אין איטליכר טג דז קרבן אנדרש גיהאט אז דער ערשט · דארום איז
איטליכר טג בור אין בזונדרן יום טוב גירעכנט · דרום זגט מן אך ג'ן

הלל

חלל איז סכות· אביר פסח זיין די קרבנות אלז גלייך· דרום גידענקט
מן ניט יום טוב אין על התורה· מן זגט יקום פורקן· מי שבירך·
אשרי· יהללו· אונ׳ היבט ווידר אן: אונ׳ אורט מוסף·
אתה בחרתנו· מפני חטאינו· קרבן בון שבת· אונ׳ והקרבתם·
ישמחו במלכותיך· אלהינו ואלהי אבותינו מלך רחמן· והשיאנו·
גידענקט אוורטן שבת אין דען תפילות· אונ׳ אורט בולנט אוז· אין
כאלהינו· עלינו· יגדל: ווען עס דער ערשט טאג איז בון
חול המועד זא אלט מן ברכה אויבר דער עירוב תבשילין:

צו מנחה אורט מן גלייך אז איין אנדרן שבת· לייאט אין דער וואכן
סדור דרייא פרשיות· אונ׳ זגט אתה אחד· אונ׳ יעלה
ויבא אין שמונה עשרה· זגט ניט ביום השבת הזה· מן זגט ניט צדקתך:

צו מעריב זגט מן אתה חוננתנו· יעלה ויבא בייא ותחזנה· אונ׳
ניט ויהי נועם· אביר מן זגט וואל ויתן לך:

מן דארף איז חול המועד קיין מלאכה טון· זונדר זולכן זאכן די
איז כלייה גינגן ווען ערש ניט טעט· אן דארף ניט וועטן
ליינוואט איז חול המועד· אודר וואז איינר בור מלאכה אוטט טון· אז
טרייבן· אונ׳ דרגלייכן· אונ׳ ער בור ענדרונג אכן· דרום טרייבט מן
קרמס איז חול המועד:

# די הינטרשטן טעג בון פסח

דיא זיבנר נכט בון פסח אורט מן ברכו אז בלד נאך מנחה אונ׳ אז
ווידר יום טוב· מן זגט איין מעריב· היבט אן אורי וישעי·
אונ׳ דער ביכור· מתי אבא ואראה· (אין פולן אונ׳ פיהם) זגט מן·
ויושע ה׳ אום למושעות·) אונ׳ לוט אויט וויא אן אנם שבת אוז לוט· דז
קהל זגט וידבר משה את מועדי ה׳· הלב קדיש· אונ׳ אורט שמונה
עשרה: זעגט איין אתה בחרתנו· יעלה ויבא· והשיאנו· אונ׳ אורט
גלייך וויא די ערשטן נעכט בון פסח· איז עס שבת דא זגט מן ויכלו·
אונ׳ מגן אבות אונ׳ במה מדליקין: קדיש· עלינו· יגדל אונ׳ גיט
בשלום היים: וויא מן קדוש אכט ווערט ווירן בייא דיא
ערשטן נעכט אלט זיין גשריבן וויא אונ׳ ווען עס גיבאלט אס ורייטג לו נכט·
אודר אין דער וואכן· אביר מן זגט ניט שהחיינו די הינטרשטן נעכט בון
פסח: צו מורגן אורט מן וויא זונטאג יום טוב
זגט יוצר· היבט אן ויושע שושני פרח· מן זגט קיין אופן ניט·
(דער סימן איז ויסר את אופן·) דען דער בורא יתברך זגט לודען
מלאכים· וויא כיטעפעניט זיינר הענד זיין דר טרונקן· דרום זאלן זיא ניט

שירה זגן · אזו איך גשריבן הב בייא הלל אים חול המועד בון פסח · דאז
זולת · אי פתרוס · די קרובץ היבן אן אותותיך ראינו · אונ׳ אילו
הצדק · חסדי · אונ׳ בולגט אוי׳ · אן זגט אך ניט אל נא לעולם תוערץ
בון רואז טעם וועגן וויא אובן גשריבן איז · (אין פולן זגט אן וואז אופן
היבט אן ירוע׳ שם · היגטן בייא גאל ישראל זגט אן ים ליבשה · אין
טייל קהלות אין פולן אונ׳ פיהם אונ׳ מערהרן זגט אן קרובץ · אימת
נוראותיך · ) איז עט שבת דא זגט אן אין אשכנז דאז יוצר
בון שבת חול המועד · אונ׳ אך דז אופן · דז זולת אי פתרוס · אונ׳ די
קרובץ · אותותיך · אונ׳ לייט שיר השירים · אז גשריבן איז בייא שבת
אים חול המועד : מן זגט הלב הלל · אונ׳ גנץ קריש · היבט
אוז לוייא ספר תורות · לייט אין דער ערשטן ספר תורה בורגן אין דער
סדור ויהי בשלח פרעה אונ׳ הפט בויגן אוין · לייט ביז אן אני ה׳
רופאיך · (איז עט שבת זא הפט אן זיבן אויז · ) אונ׳ זגט הלב קדיש ·
דער די הפטרה זגט לייט אן אין דער אנדרן ספר תורה אין פנחס · היבט
אן והקרבתם · וויא געשטרט · אונ׳ זגט די הפטרה היבט אן · וידבר
דוד · לוט אוז אין על התורה · מקדש ישראל והזמנים · (איז עט
שבת זא גידענקט אן אוועטום אין די תפלות זו שבת · ) אן זגט אשרי ·
יהללו · (איז עט שבת זא זגט אן יקום פורקן · מי שבירך ·
אשרי · יהללו · ) אונ׳ אן אורט מוסף וויא אן דאז גנץ חול המועד
הוט גיאורט · (איז עט שבת · זא אורט אן וויא אן שבת חול המועד גו
מוסף אורט · ) אן גיט נו דוכן · אז גשריבן שטיט אם ערשטן טג בון
פסח · דען שים שלום · גנץ קדיש · אין כאלהינו · עלינו לשבח ·
יגדל · קידוש אונ׳ ברכת וויא דיא ערשטן טעג בון פסח :
צו מנחה אורט אן וויא אן דיא ערשטן טעג בון פסח מנחה גיאורט
הוט · (איז עט שבת זגט אן ואני תפלתי · לייט
דרייא פרשיות אין דער וואכן סדור · ) מן וואורט ביז גין נכט אי אן
ברכו זגט · דען טעם הב איך גשריבן בייא מנחה דר ערשט טג בון פסח :

# דער עכט טג בון פסח

וען עט נכט איז זגט אן ברכו · אונ׳ זגט אין מעריב היבט אן אור
לשביעי · הוטקין ביצור ניט · אין עטליכן קהלות זגט אן
דאז מעריב ויושע אום · (אין פולן אונ׳ פיהם · זגט אן ויושע אומן ·
אין איין טייל קהלות · היבט עט אן · אוביר · אונ׳ אן אורט וויא זגטט
אם יום טוב · ) איז עט שבת זא זגט אן נוך שמונה עשרה ויכלו · אונ׳
גיט מגן אבות · אך ניט במה מדליקין · (אין פולן אונ׳ פיהם · מערהרן

זגט מן וואל מנן אבות · אבר ניט במה מדליקין · קדיש · עלינו · יגדל ·
אונ' גיט היים : וויא מן קידוש מאכט זא ווערטט ווירן אונדער
ערשטן נכט בון פסח · אבר מן מאכט היינט קיין שהחיינו :
צו מורגן מורט מן וויא געשטערט בי: מן יוצר · זא זגט מן רען איין
יוצר · היבט מן · אתה הארת · אונ' קיין אופן · רא: זולת
אי פתרוס · אונ' בולגט מוי: · (אין פולן אונ' פיהם זגט מן איין אופן
הז היבט מן מחוללת ·) אונ' זגט קרובץ · היבן מן · אימת נוראותיך ·
אונ' אצולים מפרך · אונ' אומץ גבורתיך · אונ' מי ימלל · אונ' בולגט
מוי: · (אין עטליכי קהלות גין דיא כהנים לו יוצר אך לו דוכן ·) הלב
הלל · קדיש · אונ' מן היבט מוי: לוויא ספרי תורות · זגט על הכל
הך · אונ' לייט אין דער ערשטן ספר תורה אין דער סדור ראה ·
וואו מן אלי מתנת יד לייט · די זעלב פרשה רעט בון מתנת ידו · הפט בויך
אויך אונ' אין מי שבירך זגט מן בעבור שיתן מתנת יד לכבוד המקום
ולכבוד התורה ולכבוד הרגל · אונ' גלאט די אנדר ספר תורה אונ'
ליגט זיא ביים דער ערשט · אונ' זגט הלב קדיש · הפטדר נוך אויך דער
דיא הפטרה זול זגן · אונ' לייט אין דער אנדרן ספר תורה אין פנחס ·
היבט מן והקרבתם · וויא מן געשטערט אונ' גין חול המועד גיטון הוט ·
איז עט שבת זא זגט מן רא: יוצר ר: היבט מן אהבוך · רו ווערטט
ווירן בייא שבת אונ' חול המועד · אונ' ר: אופן · דודי · זגט אך
ר: זעלב זולת · היבט מן אי פתרוס · אונ' בולגט מוי: · אונ' ברח דודי בור
גאל ישראל · (אין פולן אונ' פיהם · זגט מן ים ליבשה · בור שירה
חדשה ·) אונ' מן בור וועקטלט דיא קרובץ · מן זגט אותותיך ראינו ·
אונ' אילי הצדק ידועים · אונ' חסדי · אונ' בולגט מוי: · (אין עטליכן קהלות
גין דיא כהנים ניט לו דוכן אם שבת) מן זגט ניט גין הלל · אונ' לייט
שיר השירים אונ' הובט מוי: לוויא ספרי תורות · לייט אין דער ערשטן
אין ראה · היבט מן עשר תעשר אונ' רופט זיבן אויך · לייט די סדור גין
מוי: · אונ' מן לייט אין דער אנדר ספר תורה אין פנחס דעם דער די
הפטרה זגט היבט מן והקרבתם : אונ' זגט די הפטרה היבט
מן · עוד היום בנוב לעמוד · (אין פולן אונ' פיהם · מיז מן מזכיר
נשמות אווערטרן ווען מתנת יד איז · אונ' זגט מך אב הרחמים ·) אונ'
נוך דעם מן גיזגט הוט דיא הפטרה · זא גיט דער חשוב אין דער שול
אונ' מאכט איטליכם איין מי שבירך · אונ' רא: הייסט מתנת ידו · רא: זעלב
געלט גיהוירט דען עניי ארץ ישראל ·) דער בורא ית' זול אונ: לזן זוכה
זיין רא: מיר דעט זולן געבן אין ירושלים זעלברט ווען מיר לוגט רגל גין
ווערדן ·) איז עט שבת זא זגט מן בור יקום פורקן · דר נוך מי שבירך
דעם מלך · אונ' דעם קהל : דר נוך זגט מן אשרי · יהללו

אונ' היבט ווידר איין : צו מנחה אורט אן וויא געטערט אן הוט
גיאורט צו מנחה · ( איז עס שבת · זא זגט מן ואני תפלתי · אונ' היבט
אן · זאייט אין רער וואוכן סרור ) : אונ' מן ווארט ביז גין
נכט אז מן ברכו זגט · דר נוך זגט מן והוא רחום · זעלט אתה חננתנו
איין · אונ' זגט ניט אין יעלה ויבא · גין קריש · מן הוט דען
סדר דאז מן חמץ ר: אין הויז ברענגט · דאז טוט מן דרום דאז עס ניט טייטש
זיין ר: מן לענגר ווערט פסח אכן אז אונז גיבוטן איז · אודר אך צו ווייזן דאז
איר גאט ית' מצות הלטן · ווען אונז טון ניט וואז גשיכט דר צו · דען איר
קוין קום די שעה דר ווארטן דאז איר ווידר חמץ עסן · מן אכט הבדלה :
ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן :

**ברוך** אתה יי' אלקינו מלך העולם המבדיל בין קודש לחול
בין אור לחשך · ובין ישראל לעמים · ובין יום
השביעי לששת ימי המעשה · ברוך אתה יי' המבדיל בין קדש לחול :
( איז עס אכר שבתות צו נכט זא טאעקט מן אך צו דער וואוירן · אונ'
בזיכט אך דיא נעגיל אונ' אכט הבדלה וויא זונסט אם שבתות צו נכט · )
צו מורגן איז אסרו חג מן זגט ניט תחנה נוך ניט למנצח · איז עס
אם מונטג זגט מן וואל אל ארך אפים · אונ' מן זגט דען
גגלן חדש קיין תחינה : ( צו ווירעט זגט מן תחנה נוך אסרו חג :
אלי · ווייבר ווישן דאז מן ניט טאר חלה נעמן בום טאייג דאז מן ניט איז
טולריג חלה דאז בון צו נעמן · אונ' זולט דאז איט פטרן דען טייג
דער דא איז טולריג חלה צו נעמן · דרום אך נוך פסח · ווען מן איט ר:
נוי זאואר טאייג ר: יורן ברוט אכט · וויא קאן מן חלה דר בון נעמן · איז
דוך דאז נוי זאואר טאייג ניט חייב חלה צו נעמן · דרום אכן די פרואן ווייבר
צוויא טאייג · איין איט ר: נוי זאואר טייג · אונ' דען אנדרן און זאואר
טאייג · אונ' טוט זיא אלי באייד צו אנגדר · אונ' נעמן חלה בון ייעגם
טאייג דאז קיין זאואר טייג רינן איז · זא איז דער אנדר אך פטור איט דער
זעלב חלה · אונ' דארן זאזא ניט זורגן · דאז איר אויכט אין די הנד קומן בון
דער חלה איין שטויק טאייג דאז מן ניט טולריג ווער חלה דרויבר צו נעמן ·
עטליכן מאכן איין טאייג איט דעם זאואר טאייג בום נוי · אונ' נעמן חלה
אזא גרוס אז דער זאואר טאייג איז · אונ' איין ווייניג אין · אזא איז ניט אין צו
זורג דאז אים אין די הנד אויכט קומן אל די חלה בון דעם זאואר טייג · דאז
וייל ער עטוויס אין נעמט : אונ' ווען מן זינסט ברוט אכט זא
זול מן אויארטן דען זאואר טאייג הירויב נעמן · אי מן חלה נעמט · דען
זולט מן בור חלה נעמן · זא ווארד דער זעלב זאואר טייג פטור זיין בון
חלה דען עס איז חלה שון גינומן ווארדן בון אים · אונ' ווען מן דר נוך אין
בור אויטט · ווען מן איין אנדר אול ברוט אכט · זא וואירד אין דעם טאייג

איין זויאר טײג דער פטור װער פֿון חלה · אונ׳ מן טאר ניט חלה נעמן
פֿון טײג דער ניט איז חייב חלה · אוך טײג דער דא איז חייב חלה ·
דרום זול מן פֿור נעמן דען זויאר טײג הירױס :

# צווישן פסח אונ שבועות

מן אכט קײן ברולפֿט צווישן פסח אונ׳ שבועות אך מן טערט זיך ניט · אונ אם לג בעומר · די װײבר זולן אך קײן מלאכה טון · װען די זון איז אונטר גנגן · דען די תלמידים פֿון ר׳ עקיבא זיין אום די זעלב צייט גשטורבן · דרום דאז וויל זיא ניט כבוד איינר דעם אנדרן גיטון הבן · אונ׳ אום אובנט צייט הוט מן זיא צו קבורה גיטון · אונ׳ אידרמן איז מוישיג גיװעזן :

אין עטליכן קהלות · זגט מן טך ר״ח אייר אלי שבתות זולת · אונ׳ זגט אביר אוארטרן אמת ויציב פֿון דער װאכן · דען ערשטן שבת · זגט מן · אזכרך דודי · דען אנדרן · אלהים אל דמי · דען דריטן · אתה אלהים · דען וירדן · אחרי נמכר · דען פֿינפֿטן · אלהים באזנינו שמענו · אונ׳ װען איין ברית מילה װער אן די זעלבן שבתות דא זגט מן די יוצר · אונ׳ אופן פֿון דער ברית מילה · דאז זולת פֿון זעלבן שבת : װען שבת אונ׳ ר״ח װער אן די זעלבן שבתות דא זגט מן יוצר אונ׳ אופן פֿון ר״ח · אונ׳ דאז אנדר דאז לוס זעלבן שבת גיהירט :

אין פֿולן אונ׳ פיהם · אנדרהן · זגט מן אב הרחמים אן אלי שבתות · צווישן פסח אונ׳ שבועות · װען מן טון ר״ח בענשט · אונ׳ זגט מן איטליכם שבת פיוטים :

דען ערשטן שבת זגט מן יוצר ויושע אור ישראל · אופן · ארוני · (אין פיהם זגט מן אופן אראלים וחשמלים · צו אהבה · אלהי ימי שנותי כלו · זולת · אין כמוך · צו גאולה · שביה עניה · אונ׳ בענשט ראש חדש · אונ׳ זגט אב הרחמים דר טך ·

דער אנדר שבת טך פסח · צו מאורה · שמחי ועלזי · זולת · אל חי ארנן · צו גאולה · שנותינו ספו :

דער דריט שבת · צו אהבה זגט מן מלוכה אזרתיך · זולת · אריות · גאולה · שרודים :

דער וירד שבת · צו אהבה · זגט מן איומה נשאת · זולת · אלהי בך אחבק · צו גאולה · שכולה :

דער פֿינפֿט שבת · צו אהבה · משכתיך חסד · זולת · אלהים לא ארע · צו גאולה · יקוש בעיניו :

װען עס עיבור איז · זא גיט בהר אונ׳ בחוקותי ניט מיט אנדר זא זגט מן · אחרי נמכר · אם וירדן שבת :

אין אלי קהלות זגט מן פרקים אין דען שבתות · מן היבט אן דער נעשט שבת נוך פסח · אין עטליכן קהלות זגט מן איין פרק אן איטליכם שבת ·

שבת · אין עטליכן קהלות זָגט מן צווין פרקים · אין עטליכי קהלות זָגט מן זיא ביז גין שבועות · אין עטליכן קהלות זָגט מן זיא ביז שבעה עשר בתמוז · אין עטליכן ביז גין ראש השנה :

מן זָגט דרום פרקים אין דער צייט · דרום דז וויל אין די פרקים שטין אייטל גוּטש בּוֹרכט · אז איז ביליך דז מן זיך בּוֹר צו בירייט אי מן די תורה מקבל איז · אם שבועות · (איין אנדרן טעם) דרום דז וויל די צייט איינגנדר איז דז מן זיך נוך רפואות הלט · אז זָל מן אך דער נשמה רפואה טון · דען די פרקים רידן בּוֹן אייטל גוּטש בּוֹרכט אונ׳ דרך ארץ · ווען מן זיא לערנט · אז טוט מן וואז מן זָל גיטון איז :

ראש חדש אייר איז אול צווין טָג ר״ח · (עטליכן לייט ואסטן ציהן טָג אין אייר · דרום דז אם צעהנטן טָג שטורב עלי הכהן · אונ׳ זיין צווין זין · אונ׳ דער ארון הברית וואַרד גינומן :

דער נעכשט שבת נוך ר״ח זָגט מן אין מי שבירך דעם מן דעם קהל אכט ובעבור שיקבלו עליהם להתענו שני וחמישי ושני מי שירצה :

# שני וחמישי ושני

מן ואסט דרייא טָג נוך פסח · אך אזו נוך סוכות · דרום דז מן יום טוב וואל גיגעסן הוט · עס מעכט זיין מן האט עבירות גיטון אין דעם וואל עסן אונ׳ וואל טרינקן · אודר מן האט אפשר מיט עטליכן זאכן מחלל יום טוב גיוועזן · דרום ואסט מן שני וחמישי ושני דז אונז גָטית׳ זול די זינד בּוֹר געבן · (עטליכן זאגן) אין דען צייטן שטייט זיך וואר אונ׳ ווינטר בּוֹן אננדר אונ׳ די לופט זיין בוז · דרום ואסטן מיר אונ׳ ביטן גָט דז אונז קיין בוזר לופט זול אן וועהן · אונ׳ מן היבט אן צו ואסטן · אן דער הינטרשט מונטג דער דריט תענית גלייך איז בּוֹר ל״ג בעומר · דז וויל די טעג נוך קורץ זיין דז דער תענית ניט אזו וויא טוט :

מן מורט וויא מן אייניש אנדרן מונטג · אודר ווען דער חזן הלט אין שמונה עשרה · בייא מחל לנו מלכנו כי פשענו · אז זָגט ער די פסוקים בּוֹר סליחות · דר נוך זָגט ער סליחות ·

| די זָגט מן אם שני | די זָגט מן אם חמישי | די זָגט מן אם שני |
|---|---|---|
| תבוא לפניך · | אין מי יקרא בצדק · | אלקים בישראל גדול · |
| ישראל עמך · | אין כמדת בשר · | איה כל נפלאותיך · |
| אזון תחן · | אם עונינו · | אניים אירא |
| ה׳ ה׳ · פזמון | ישראל נושע · פזמון | מלאכי רחמים · פזמון |
| יושב בנכהי · חטאנו | אדון בינהי · חטאנו | אל נא רפא נא · חטאנו · |

אין

(אין עטליכן קהלות פֿור ענדרט מן די סליחות) אונ׳ דער חזן זאגט
עננו׳ ווען ער הלט אין רפאנו׳ אבער דער קהל זאגט די׳ מארגן ניט עננו׳
דען ער מוכט אויבר הונגר קראנק ווערן דא ווירד ער די ברכה לבטלה
גזאגט הבן׳ דרום זאגט עס דער חזן אם מארגן אלי תענית צבור׳ דען
עס ווערט איינר זיין אים קהל דער פֿאסטן ווערט אונ׳ ניט דען תענית
ברעכן׳ אונ׳ ווען ער אויז הוט יי׳ אלהי ישראל׳ אי ער זאגט ואנחנו
לא נדע׳ דא זאגט דער חזן׳ שומר ישראל׳ אונ׳ מתרצה ברחמים׳
אונ׳ זאגט אל ארך אפים׳ היבט אויז אונ׳ לייאט אין כי תשא׳ היבט אן
ויחל משה׳ אונ׳ לאזט אויז דעם כהן׳ לעשות לעמו׳ אונ׳ אויבר
הופֿט ויפן ויירד משה׳ ביז אן ופני לא יראו׳ דא איז די מעשה פֿון
עגל׳ דען מיר וועלן עס ניט גידענקן׳ עס שטיט אונז קיין מציאה דרויף׳
היבט דען אן צו לייאן דעם לוי אן ויאמר יי׳ אל משה פסל לך׳ לוט אויז
אל מול ההר ההוא׳ הופֿט דען ישראל אויף׳ אונ׳ לוזט אויז אשר
אני עושה עמך׳ אונ׳ אך אזו לייאט מן אלי תענית צבור:

די נאכט צו מנחה היבט מן ווידר אויז אונ׳ לייאט גלייך וויא דא גשריבן
שטיט׳ אונ׳ זאגט די הפטרה׳ די היבט אן׳ דרשו׳ אונ׳ נאך
דער הפטרה זאגט ער דיא ברכות ביז אן מגן דוד׳ זאגט ניט על התורה׳
אונ׳ קיין כהן אודר לוי דארף די הפטרה זאגן׳ דען מן מוז דרייא אויף רופֿן
כהן׳ לוי׳ ישראל׳ אבער ווען מן הוט אם יום טוב די נאך אויף גירופֿן
אודר אם שבת די מן זאל אויף רופֿן׳ דא מעגן וואל דר נוך כהנים אונ׳ לוים
די הפטרה זאגן׳ מן היבט ווידר איין׳ אונ׳ מן זאגט עננו איין אין שמונה
עשרה׳ אין שמע קולינו אי׳ מן זאגט ברוך אתה יי׳ שומע תפילה׳ מן
דארף ניט נעמן׳ ביז דיא שטערן אם הימל שטין׳ אונ׳ איטליכן תענית
זאל מן צו מנחה דען טאג דר פֿור׳ דען תענית אויף זיך נעמן׳ מיט דעם
מויל זאגן׳ איך וויל מארגן אויז גוטש וויל פֿאסטן׳ גאט יתברך זאל מיין תענית
פֿור גוט אן נעמן:

# לג בעומר

אל, אול אכציהן טאג אין אייר איז לג בעומר׳ אם זעלבן טאג מאג מן
זיך שערן לוזן אונ׳ ברוילפֿט מכן׳ (דען דיא תלמידים פֿון
רבי עקיבא הבן אויף גיהוירט צו שטערבן אם זעלבן טאג׳) עטליכן זאגן וויא
זיא ניט הבן אויף גיהוירט צו שטערבן אם לג בעומר׳ דען מיר זיגרן אין
דער גמרא דא זיא זיין גשטורבן פֿון פסח ביז גין שבועות׳ אבער דא איז
גוויט דאז זיא ניט גשטורבן זיין אן די טעג וואו מן ניט תחנה הוט גיזאגט
דרום אך׳ טוא פֿון די נוין אונ׳ פֿירציג טעג אים עומר היין וועק די טעג דא
מן

מן ניט תחנה דראן זאגט · דיא אכט טעג פון פסח · צווין טג ראש חדש
אייר אונ איין טג ראש חדש סיון · אונ זעקס שבתות · דא בלייבט
גיארט נוך צווין אונ דרייסיג טג דא זיא דראן גישטורבן זיין · דרום איז
מן ורוליך אם דרייא אונ דרייסיג סטן טג · אונ זאגט קיין תחנה · איז עס
אם מונטג אודר דורשטג זא זאגט מן וואל · אל ארך אפים · (צו ווירמש
זאגט מן תחנה אם לג בעומר :) עטליכן ווייט ווסטן אכט אונ
צוואנציג טג אין אייר · דען אם זעלבן טג שטארב שמואל הנביא · אונ
כל ישראל קלאגטן אין : צו ווירמש ווסט מן דרייא אונ
צוואנציג טג אין אייר · גזרת תתנו · אונ מן זאגט סליחות · זאגט אלה
אזכרה · צו חטאנו · אונ היבט אן · לאייט ויחל · צו מנחה היבט
מן ווידר אן · אונ איז מזכיר די זעלבן הרוגים דיא על קדוש השם אום
קומן זיין אין דען זעלבן טג · אונ דען שבת דר נוך אכט מן טווארן שבת ·
דען ראש חדש סיון איז ווירד גזרת תתנו די צווענץ פרנסים די דא זיין
אין ר: הנמון הוב בליבן זיין אך אום קומן אם ראש חדש סיון · אונ אנדרן
מיט איין · אונ צווישן דען צווא גזרות אכן זיא דען שבת דר צווישן · ת
מן זאגט צו אהבה · אותך כל היום קוינו · אונ זולת · אלדים באזנינו ·
אונ איז מזכיר נשמות פון הרוגי ושרופי קהלות אשכנז · דר נוך אב
הרחמים · מכיר אין אנדרן קהלות אין אשכנז אכט מן ערשט טווארן
שבת דער נעהסט שבת פור שבועות · דען אום די זעלב צייט זיין גזרות
גישעהן אין גאן אשכנז · (אין ווערט גר אין עטליכן קהלות · איז ניט
זנג ד: מן הוט מן גיהובן דען סדר דא: זיא אב הרחמים זאגן · וויא דער
סדר פון ווירמש איז · דער שבת פור ראש חדש סיון · זאג איין טעם ·
דא וויל מן תחנה זאגט אין די זעלבן טעגן · זא זול מן ניט דען שבת מזכיר
נשמות זיין · אונ אב הרחמים זאגן · (איך מימר כוך צו קק פרובה
בשם מהר"ם איגן · ד: מן ניט זול מזכיר נשמות זיין שבת סמוך
לשבועות : יען כי בימי הגבלה הוא ·)

ראש חדש סיון איז אל אול ניט אין א: איין טג · (צו ווירמש ווסט
מן גזירת תתנו וויא אובן גשריבן איז · אונ זאגט סליחות ·
אונ הלל · אונ ווסט ביז איין שעה נוך מיטאג · דר נוך גיט מן איין טול
אונ היבט אויז לאייט ויחל · אונ איז מזכיר נשמות פון דען קדושים דיא
אום קומן זיין דען זעלבן טג · אונ עסט נוך טול אז בלר · אונ ווען עס
אם ורייטג איז · זא ווסטן זיא ביז ויר שעות נוך מיטג · אונ גין איין טול ·
אונ היבט אויז · אונ ווארט דר נוך מעריב אונ אכן שבת :)

פון ראש חדש סיון אן · ביז גין נוך אסרו חג זאגט מן ניט תחנה · אונ
ניט צדקתך אם שבת · אבר מן זאגט וואל · למנצח · איז גימאן
ערב שבועות · אונ אסרו חג :

# דען שבת פור שבועות

זגט מן אותך כל היום קוינו אין אהבה רבה׳ אונ׳ זולת׳ אלקים
באזנינו שמענו׳ אונ׳ ווען מן הוט גיזגט יקום פורקן׳ זא מוז
מן מזכיר נשמות׳ פון דיא קדושים דיא אוף די זעלב צייט אין אשכנז׳
אונ׳ פיהם׳ אונ׳ אונטרייך׳ זיין אוף קומן׳ דר נוך׳ אב הרחמים׳ יהללו׳:
(מן פולן אונ׳ פיהם׳ זגט מן יוצר היבט אן׳ אהלל׳ אופן׳ אורחות׳ לו
אהבה׳ יעלת חן׳ זולת׳ אלדי אקראך׳ גאולה׳ יונה נשאת :)
אם מוצאי שבת זגט מן ניט ויהי נועם נוך ואתה קדוש׳ אבער מן
זגט וואל ויתן לך :

# שבועות

אם ערב שבועות זאל מן זיך קיין בלוט לאזן נעמן׳ דען עס איז איין
בויזר לופט אם זעלבן טג׳ דא ישראל הבן די תורה אנטפפנגן
דא איז איין ווינט קומן אם ערב שבועות׳ דער הייסט טבוח׳ ווען ישראל
ניט העטן וועלן די תורה אן נעמן׳ זא העט ער זיא אל אום ברכט׳ אונ׳
דרום טאר מן זיך ניט לאזן בלוט נעמן׳ אונ׳ מן קיינם ערב יום טוב׳ פון
ערב שבועות וועגן׳ דען ווען מן זולט עס טון אן אנדרן ערב יום טוב זא
ווארד מן עס אם ערב שבועות אך טון : זעקש טג אין סיון׳ איז
אל מול דער ערשט טג פון שבועות׳ אונ׳ גיפאלט ניא אם דינשטג׳ נאך
דורשטג׳ נאך שבת : איז שבועות אם פרייטג אונ׳ שבת
זא מוז מן עירוב תבשילין מכן׳ אז בייא ערב פסח גשריבן שטיט :
דאז מעריב פון דער ערשטן נכט פון שבועות היבט מן ווירד אביר
יעקב׳ אונ׳ עס הוט קיין ביכור ניט׳ מן לוט אויז אין השכיבנו׳
וויא אם שבת׳ אונ׳ דז קהל זגט׳ וידבר משה את מועדי ה׳ אל בני
ישראל׳ הלב קדיש׳ אונ׳ זגט אין שמונה עשרה׳ אתה בחרתנו׳
יעלה ויבא׳ והשיאנו׳ אונ׳ זגט את יום חג השבועות הזה׳ זמן מתן
תורתינו׳ אונ׳ דען גנץ קדיש׳ (איז עס אם שבתות לו נכט׳ זא זגט
מן אין אתה בחרתנו׳ בייא ותתן לנו׳ ותודיענו׳) אונ׳ זגט עלינו׳
יגדל׳ אונ׳ מן מכט קדוש אזו :

ווען די ערשט נכט פון שבועות אין דער וואכן גיפאלט :

**ברוך** אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ



33

מכל עם ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצותיו ותתן לנו יי אלהינו
באהבה מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון · את יום חג
השבועות הזה זמן מתן תורתנו מקרא קדש זכר ליציאת מצרים ·
כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים מועדי קדשך בשמחה
ובששון הנחלתנו · ברוך אתה יי מקדש ישראל והזמנים :
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו
לזמן הזה :

ווען די אנדר נכט פון שבועות אם פרייטג צו נכט קומט :

ויכלו השמים והארץ וכל צבאם ויכל אלהים ביום
השביעי מלאכתו אשר עשה : וישבות ביום
השביעי מכל מלאכתו אשר עשה : ויברך אלהים את יום
השביעי ויקדש אותו כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא
אלהים לעשות : סברי מורי ורבותי

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן :
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר בחר בנו
מכל עם ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצותיו ותתן לנו יי
אלהינו באהבה שבתות למנוחה ומועדים לשמחה חגים
וזמנים לששון · את יום השבת הזה ואת יום חג השבועות הזה
זמן מתן תורתנו מקרא קדש זכר ליציאת מצרים כי בנו בחרת
ואותנו קדשת מכל העמים שבת ומועדי קדשך באהבה
וברצון בשמחה ובששון הנחלתנו ברוך אתה יי מקדש השבת
וישראל והזמנים : ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שהחיינו
וקימנו והגיענו לזמן הזה :

ווען שבועות אם שבתות צו נכט קומט זא מכט מן דען יקנה״ז :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן ·
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר בחר בנו

מכל

מכל עם ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצותיו ותתן לנו יי אלהינו באהבה מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון : את יום חג השבעות הזה זמן מתן תורתנו באהבה מקרא קדש זכר ליציאת מצרים כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים מועדי קדשך בשמחה ובששון הנחלתנו ברוך אתה יי מקדש ישראל והזמנים :

אונ׳ בזילכט די נעגיל בייא דען ליכטר אונ׳ זגט :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא מאורי האש :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם המבדיל בין קדש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים ובין יום השביעי לששת ימי המעשה בין קדשת שבת לקדשת יום טוב הבדלת ואת יום השביעי הגדול והקדוש מששת ימי המעשה קדשת הבדלת וקדשת את עמך ישראל בקדושתך : ברוך אתה יי המבדיל בין קדש לקדש : ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה :

צו מורגן מורט מן וויא צו שבת אם יום טוב · אונ׳ נשמת · דען היבט דער חזן אן · האל בתעצומות עזך · אונ׳ זגט איין יוצר · היבט אן ארון אמנני · דא אופן · ועתה בנים · דא זולת · אנכי שמעתי · אונ׳ בולגט אוי · אונ׳ מורט שמונה עשרה וויא גיבלטיג · דא קרובץ היבט אן ארץ מטה · אל נא · ובכן ויי קנני · אלה העדות : (מיטן טייל זגן דא קרובץ דא מן זול מורגן זגן · דא היבט אן אורח חיים ·) אבער דער רעכט מנהג מן זול ארץ מטה בון ערשטן זגן · וויל דער קליר זל הוטש מתקן גיוועזן · (אין עטליכן קהלות גין די כהנים צו יוצר צו דוכן ·) אונ׳ זגט גנץ הלל · דר נוך גנץ קדיש · (אין פולן אונ׳ פיהם זגט מן אין כמוך · אונ׳ מלכותך ·) אונ׳ הובט צווייא ספרי תורות אוי · גדלו · על הכל הוך · (צו ווירמש זגט מן ניט הוך על הכל · אנדר צו מהנת ידי ·) ויעזור ויגן · אונ׳ רופט דען כהן אויף · אונ׳ היבט אן צו לייאן אין דער ערשטן ספר תורה · אין דער סדרא · וישמע יתרו · הבט אן בחדש השלישי · לייט גיווארט מען ערשטן פסוק · דר נוך זגט דער חזן · אקדמות מילין · אונ׳ דז קהל ענטוורט אים דען אנדרן פסוק · אונ׳ אזו ביז אויז אויי · (צו ווירמש זגט מן ניט אקדמות ·) דר נוך לייט מן וואו



34

און הט גיזוטן ויסעו מרפידים· אונ' אלט בויך פרשיות· נאך די סדור
גין אויז· (איקפולן אונ' פיהס· זגט מן ויל פיוטים היבן אן· ארכין·
אונ' זגט זיא מיטן איק נאייאן· איין טייל אי מן נאך וירד משה· איין
טייל אי מן נאך די עשרת הדברות·) אונ' דענק רעדרי הפטרה זגט
נאך מן איין דער אנדרן ספר תורה· איין פנחס· היבט אן וביום
הבכורים· ביז אן תמימים יהיו לכם ונסכיהם· אונ' זגט די הפטרה
אין יחזקאל· היבט אן ויהי בשלשים שנה· (עט זול קיין יונג די
הפטרה זגן·) אין על התורה זגט מן ועל יום חג השבועות הזה· דען
זגט דער חזן· אשרי· יהללו· אונ' היבט וידר איין:

צו מוסף זעלט מן איין אתה בחרתנו· מפני חטאינו· די קרבן פון
שבועות· וביום הביכורים· אלדינו ואלדי אבותינו מלך
רחמן· והשיאנו· רצה· אונ' פולגט אויז· דער חזן זגט וידר הויך שמונה
עשרה· אונ' זגט נעריצך· אדיר אדירנו· אונ' ווען מן קומט אן תמידין
כסדרן ומוספין כהלכתן· זא זגט מן איין לנג פיוט· היבט אן· אתה
הנחלת· נוך היגטרשטן זגט דאז קהל· אז שש מאות· דער חזן זגט
עס וידר מיט איינס נגון· אונ' די לוים וועשן דען כהנים די הענד· ווען
דער חזן הוט אן רצה זא גין די כהנים צו דוכן· אז איך גשריבן הב בייא
דעם ערשטן טג פון פסח· דען זגט דער חזן· שים שלום· קדיש·
אין באלהינו· עלינו· יגדל:

מן ספלעגט אילכטיגג טפייז צו עשן· דרום דאז דיא תורה איז גגיבן
צו אייך· מן זול דענוך אך וייט עסן· דען חכמים זגן עס איז
קיין שמחה אנדרש ווער איט וייט:

צו מנחה אורט מן אשרי· ובא לציון· שמונה עשרה· זעלט איין
אתה בחרתנו· יעלה ויבא· והשיאנו· אונ' מן ווארט ביז
גין נכט· אז איך גשריבן הב בייא דעם ערשטן טג פון פסח:

# די אנדר נכט פון שבועות

ווען עס נכט איז זא זגט מן ברכו· אונ' זגט איין מעריב· דאז היבט
אן אל אלהים ה' דבר· אונ' דער ביכור היבט אן· אשריך
(איין פולן אונ' פיהס· זגט מן איין מעריב היבט אן· וירד אלקים על
הר סיני·) אונ' לוט אויז ווי נעכטיג· אונ' אורט אזו שמונה עשרה·
זעלט איין אתה בחרתנו· (איז עס שבת זא אורט מן אז כלר ברכו אונ'
זגט קיין מעריב· אונ' גידענקט ווארטן שבת איין אתה בחרתנו· אונ'
יעלה ויבא· והשיאנו· אונ' זגט ויכלו· אונ' ניט מגן אבות· איין
עטליכי קהלות זגט מן מגן אבות·) (צו ווירמש זגט מן איין ווינג פיוט

היבט

היבט מן יום שבת זכור השמיע בסיני · ווען מן פֿרייטג יום טוב איז · אונ׳ זגט מן איין מעריב·) אונ׳ זגט ניט במה מדליקין · אונ׳ וויא מן קידוש מכט אז זיך איין איינדר ערשטן גמכט · דא ווינטשט אוני קידושים נוך אננדר:
צו מורגן מורט מן וויא געטערט · דער חזן היבט מן האל בתעצומות עוזך · אונ׳ זגט ובמקהלות אונ׳ ישתבח · זגט איין יוצר היבט מן · אילת אהבים · דא אופן · ארחות אראלים · דא זולת אנכי גדול בנועדים · (אין פולן אונ׳ פיהם זגט מן דא געטטריג אופן ·) אונ׳ מן מורט אתה בחרתנו יעלה ויבא · והשיאנו · אונ׳ בולגט אוז · די קרובץ · היבן מן אורח חיים אונ׳ אלוף מסובל · וכל העם רואים · (אין עטליכן קהילות זגט מן ארץ מטה ·) (אין עטליכן קהילות גיט מן נו דובן נו יוצר) אונ׳ זגט גנץ הלל · דר נוך קדיש · אונ׳ מן זגט רות · אי מן מן היבט · דא זגט איין איטליכר לאנגזם:

**ברוך** אתה יי׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מקרא מגילה:

מן לייאט רות אן שבועות דא וויל זיך בועז הוט מתחתן גיוועזן מיט רות בתחילת קציר שעורים · אונ׳ אילנגדר איז דער זמן בון שניט · (איין אנדרר טעם) דרום דא וויל אונזר עלטרן ניט הבן די תורה מקבל גיוועזן ווערדר מן הוט זיא בור מל גיוועזן · אונ׳ טבילה גיטון · אזו איז אך רות דיא הוט זיך אך מגייר גיוועזן · (איין אנדרר טעם) דא וויל רות רעט בון אייטל חסדי · אונ׳ די תורה די מיר הבן אנטפֿנגן אן שבועות איז אך אייטל חסד: ווען מן רות אויז הוט · זא זגט מן קדיש יתום · אונ׳ היבט אויז לואו ספרי תורות · על הכל הוך · לייאט מן דער ערשטן סדורי · אין ראה · וואו מן אוי מתנת יד לייאט · היבט מן · מן כל הבכור רופֿט בויגן אויך · זגט אים מי שבירך · בעבור שיתן מתנת יד לכבוד המקום ולכבוד התורה ולכבוד הרגל · (איז עש שבת זא לייאט מן זיבן פרשיות אונ׳ היבט מן · מן עשר תעשר ·) לייגט די אנדר ספר תורה גו דער ערשטן · אונ׳ זגט הלב קדיש · רופֿט דען אויף דער דיא הפטרה זגט · אונ׳ לייאט אין דער אנדר ספר תורה אין פנחס · היבט מן וביום הביכורים · וויא מן געטטרט גילייאט הוט · לוט אויז תמימים יהיו לכם ונסכיהם אונ׳ זגט די הפטרה · תפילה לחבקוק · זגט על התורה · לוט אויז מקדש ישראל והזמנים · (איז עש שבת זא לוט מן אויז מקדש השבת וישראל והזמנים ·) נוך דער הפטרה גיט דער חשוב אין דער טול נו איטליכם · אונ׳ מכט מי שבירך · דא הייסט מתנת יד · די זעלביג נדר גיהוירט נו עניי ארץ ישראל · (איז עש שבת זא זגט מן בור יקום פורקן · אונ׳ מי שבירך · דעם מלך · אונ׳ דעם קהל אונ׳ גירעכנט אך מתנת יד דרין · (אין פולן אונ׳ פיהם איז מן אוי מתנת



35

יר מזכיר נשמות אונ׳ זגט אב הרחמים ׃) אונ׳ אן אורט מוסף וויא
גזעצטרט ׃ דער חזן זגט נעריצך ׃ קדושה אדיר אדירנו ׃ אונ׳ זגט בור
זיך ׃ אונ׳ וועןמן הלט אן ושני תמידין כהלכתן ׃ זא זגט מן אזהרת
ראשית אונ׳ אז שש מאות ׃ אונ׳ מן גיט לו דוכן ׃ וויא גזעצטרט ׃ זיך
עט בייא דעם ערשטן טג פון פסח ווערשטו עט ויגדן ׃ וויא מן לו דוכן
גיט (אי׳ עט שבת זא גיט מן אין איין טייל קהלות ניט לו דוכן ׃) זגט דר
נוך קדיש ׃ אין כאלהינו ׃ עלינו ׃ יגדל ׃ איז עט שבת זא
מכט מן ברכת אייבר דען עירוב תבשילין ׃ דאז וויל מן פור איין מצוה
הוט ווילגיטן ׃ זא טוט מן נוך אייני אייט ׃ צו מנחה אורט מן
וויא גזעצטרט ׃ זגט איין אתה בחרתנו ׃ יעלה ויבא ׃ והשיאנו ׃ (איז
עט שבת זא זגט מן ואני תפלתי ׃ אונ׳ היבט אויז ׃ לאייט איין דער וואכן
סדור ׃) אונ׳ ווערט ביז נכט איין ׃ אונ׳ ׃ זגט דען והוא רחום ׃
ברוך ה׳ לעולם אמן ואמן ׃ יראו עינינו ׃ הלב קדיש ׃ זגט אתה
חוננתנו איין אין שמונה עשרה ׃ (איז עט שבתות לו נכט זא זגט
מן ויהי נועם ׃ אונ׳ נוך ואתה קדוש ׃ אונ׳ ויתן לך ׃) אונ׳ גיט היים
אונ׳ מכט אויז הבדלה ׃

ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן ׃ ברוך
אתה יי׳ אלהינו מלך העולם המבדיל בין קדש לחול
בין אור לחשך ובין ישראל לעמים ובין יום השביעי לששת ימי
המעשה ׃ ברוך אתה יי׳ המבדיל בין קדש לחול ׃ אונ׳ טאנקט
ניט לו ווירן בייכט אך ניט די נעגיל ׃ (איז עט שבת ׃ זא מכט מן בורא
מיני בשמים ׃ אונ׳ אך בורא מאורי האש ׃) אסרו חג פון
שבועות ׃ זגט מן ניט למנצח ׃ אונ׳ אך ניט תחנה ׃ אונ׳ דר נוך היבט מן
ווידר אן תחנה לו זגן ׃ (איין פון אונ׳ פיהם אונ׳ אברהם ׃) זגט מן דען
שבת נוך שבועות איין יוצר ׃ היבט מן אדיר ונאה ׃ דז אופן ׃ כבודו
אות ׃ דז זולת ׃ אין זולתך ׃ לו פרשת בהעלותך ׃ זגט מן
בייא אור חדש ׃ אשר יצר ׃ לו פרשת שלח לך איין אהבת
רבה ׃ שש מאות ׃ לו פרשת חקת ׃ איין אהבה אל מחוללי
עטליכן ׃ ופסטן דרייא אונ׳ לוואנציג טג איין סיון דרום דאז אם זעלבן
טג ווארד פור שטורט ׃ דז מן גיט די ערשטן ברענגן ביכורים
גין ירושלים איין ירבעם בן נבט לייטן ׃

# ראש חדש תמוז

איז אל אונ׳ לווין טג ראש חדש אונ׳ אם שבעה עשר בתמוז זיין זיל
מהלייא צרות אויף אונזרן עלטרן קומן ׃ עט זיין דיא לו דוכן

וואָרדן גיברוכן· אונ׳ דז קרבן תמיד הוט מן ניט מין קוינן מקריב זיין· אונ׳
די שטאט ירושלים איז אים אנדרן חורבן ווארדן צור שפאלטן· אונ׳
אפוסטומוס הרשע הוט פור ברענט די הייליג ספר תורה· אונ׳ הוט איין
צלם גישטעלט אין דז היכל· אונ׳ דרום פאסט מן אם זעלבן טג· צו
גידענקן וויא אונזרן בוזן מעשים אונ׳ די מעשים פון אונזרן עלטרן· זיין
שולדיג אן זולכן צרות· דז איטליכר זאל תשובה טון· אונ׳ עס איז איין
תענית צבור· ווען דער חזן הוט אין שמונה עשרה אין דער ברכה·
סלח לנו אבינו: זא זגט מן די סליחות· אתאנו לך· אפפונו מצוקות·
אדאג מחטאתי· שעה נאסר פזמון· אדון בינה· חטאנו· (ווען
איין ברית מילה ווערט אם שבעה עשר בתמוז זא זגט מן דז פזמון
שטאט· אלהינו אל שדי·) (אין איין טייל קהלות זגט מן זכור ברית·)
אונ׳ זגט דר נאך וידוי· אונ׳ משיח צדקך· אונ׳ אורט שמונה עשרה בולנט
אויז· אונ׳ זגט שומר ישראל· אי׳ מן ואנחנו לא נדע זגט· זגט דר נאך
אל ארך אפים ווען שון ניט מונטג אודר דונרשטג איז· אונ׳ היבט אויז איין
ספר תורה· אונ׳ לייט אין כי תשא· היבט אן ויחל· אונ׳ איבר הופט
דז מעשה פון עגל· דען עס שטיט אונז קיין מציאה דרויף דז איר צו
גידענקן· היבט ווידר אן אן ויאמר ה׳ אל משה פסל לך· אונ׳ לייט ביז
אן אשר אני עושה עמך· הלב קדיש· היבט ווידר איין· אונ׳ אורט
אשרי· למנצח· ובא לציון· קדיש· עלינו: גיבאלט שבעה
עשר בתמוז אם שבת· זא לייגט מן עס אויף מארגן· אם זונטג· אך אזו
תשעה באב אם שבת· זא לייגט מן עס אויף זונטג· אונ׳ ווען תענית
אסתר ווערט אם שבת זא לייגט מן עס אויף דונרשטג דר פור· דז טוט מן
דרום· דז ווייל מן ווארט פון שמחה וועגן· זא טוט מיר עס אויף דז כעלדרשט
דז מיר קוינן· אבר די אנדרן תענית שלאגט מן אויף· אויף דז שפעהטשט
דז מן קאן· (אבר דער רעבם טעם איז· מן קאן עס ניט אויף שלאגן· דען
מן וואורד זעסט נאך פורים אונזר פאסטן· אונ׳ אסתר הוט פור פורים גיפאסט:)
צווישן שבעה עשר בתמוז אונ׳ תשעה באב· די זעלבן טג זיין
בירא״יט חס ושלום צו פורענות· דרום זאל דער רבי דען
תלמיד ניט שלאגן אין דען צייטן· (אים איכה רבתי·) מן זאל ניט
אליין גין פון זיבן שעות אן אויף דען טג· ביז נוין שעות אויף דען טג· דען
דער קטב מרירי הערשט אין דען זעלבן צוואו שעות· אונ׳ ווער זעלכר משפט
מיט איינם גוי· זאל זעהן דז ער אין דען טג קאן איין ווייניג הינטר זיך הלטן
דען דז מזל פון דעם יהודי איז חס ושלום ניט פאסט גוט אין דען טגן:
מן זאל אך קיין שהחיינו מאכן אויף קיין נויא פרי· זולכן פירות דרויא
אך זיין נוך תשעה באב· אבר ווען עס זולכן מאכן זיין דז מן
ניט אין ווענג נוך תשעה באב או ליכט מן וואל שהחיינו מאכן:

# ראש חדש אב

**איז** אל וואל נייארט איין טג · אונ׳ מן איז ממעט בשמחה · בון וועגן
חורבן וועגן איין דעם חדש איז גיוועזן · מן דארף זיך ניט
באדן · נוך טערן · אך ניט וועשן לייווואט · אבער ווינדלן דען קינדר מג
מן וואל וועשן · ווען איינר ניט ויל הבֿאדר הגט דער אויכט וואל נעטן · דוך
ניט אופן בערליך : מן טאר ניט פלייש עסן אונ׳ וויין טרינקן
ביז אויבר תשעה באב · דען עס טויט שמחה גשריבן בייא פלייש · אונ׳
אך בייא וויין · (אין וועלט לנר טרינקט מן וויין ביז צו דער סעודה
המפסקת · יא קיינטן עס ניט צו קומן עלכט טג ווער טרינקן ·) אבער ווען
דא ווער איין סעודה מצוה · אז ברית מילה · אודר פדיון הבן זא אויכט
מן וואל פלייש עסן · אונ׳ וויין טרינקן · דוקא די קרובים · אונ׳ די גיפראייט
זיין · אבער דא איינר וועלט דאר גין · דרום דז זיא וועלטן פלייש עסן אונ׳
וויין טרינקן · זינטש ווארדן זיא ניט גיגן · איז טיר איין מצוה דא איין
עבירה אויכט דרויז קומן · אין עטליכן קהילות זגט מן דען ערשטן שבת
נוך שבעה עשר בתמוז איין זולת היבט מן אל אל·חי ארנן :
דען אנדרן שבת איין זולת היבט מן אריות הדיחו : דען דריטן
שבת דאז איז טווארן שבת זגט מן אותך כל היום קוינו · אין
אהבה רבה · אונ׳ זולת היבט מן אלקים באזנינו שמענו · אונ׳ אם
זעלבן שבת זגט מן די הפטרה היבט מן חזון ישעיהו · מיט אייכם קלאגליכן
ניגון · ביז אן לכן נאם האדון · דא היבט מן ווידר מיט דעם רעכטן
ניגון צו זגן · אונ׳ זגט דיא ברכות דר נוך · אונ׳ מן איז מזכיר די נשמות ·
אונ׳ דיא קדושים בון דען קהילות די אום קומן זיין אין דען גזרות צייטן על
קדוש השם · זגט דען מי שבירך דעם מלך אונ׳ דעם קהל · אשרי ·
אונ׳ אב הרחמים · דען יהללו : מן מוז ווארט ביה גרדען
זעלבן שבת מן זינגט ניט ויל · אונ׳ טוט אך ניט אוזי שבת קליידר אן די מן
פפלעגט אן צו טון · אונ׳ מן איז ניט די לבנה מקדש אם זעלבן שבתות
צו נכט דא וויל מן דער שכינה אנטגיגן גיט · אז איך גשריבן הב בייא דער
לבנה מקדש זיין · אונ׳ מן וויל ניט טרויאריג מקבל פני שכינה זיין · מן
ווארט ביז תשעה באב אויז איז · אונ׳ מן מג וואל הבדלה טרינקן :
דיא הפטרת בון דען דרייא וואכן איז דער סימן · דשה׳ · דיא ד׳ · איז דברי
ירמיהו די זגט מן צו פנחס · דיא ש׳ · איז שמעו · דיא זגט מן צו מטות אונ׳
מסעי · דיא ח׳ איז חזון ישעיהו · דיא זגט מן צו אלה הדברים · ווען אבער
מטות אונ׳ מסעי טט מיט אנדר גין · זא זגט מן צו פנחס דיא הפטרה אין
מלכים סימן י״ח · היבט מן ויד ה׳ היתה אל אליהו · אונ׳ צו מטות · דברי ·
אונ׳ צו מסעי · שמעו · צו אלה הדברים · חזון ישעיהו · אונ׳ ווען ר״ח אב

מכט מן בורא מאורי האש · אונ' מן שמעקט ניט צו בשמים · פון תענוג
וועגן · אונ' בגעגנט ניט דיא קינדר · אונ' ווען תשעה באב אויז איז · זא
מכט מן הבדלה · פרי הגפן · אונ' המבדיל בין קדש לחול אונ' ניט
בורא מיני בשמים · אך ניט בורא מאורי האש : ווען איין
אבל ווער אין דיא שבעה ימים · זא מג ער גין אין די שול צו דען קינות :
ווען מן שלאפן גיט זא זול ער איין ווייניג משנה זאגן די נכט · איז ער
גיוואונט אויף צווייא קיסן צו שלאפן זא זול ער אויף איינם שלאפן ·
אז זכר לחורבן · אונ' זאל זיין וויב ניט אן רורן · גלייך אז וויא אין דער
צייט דז זיא ניט ריין איז · אונ' ווען אז שבת תשעה באב ווער אונ' מן
ליגט עש אויף זונטג · זא איז עש אז ורייטג צו נכט אך אסור :
צו מורגן גיט מן בצייטן שול אם טג · אונ' איטליכר גורט בור זיך · מן
זגט ניט זמירות איין פסוק אום דען אנדרן · אז מן זונשטן טוט ·
אונ' דער חזן היבט אן ישתבח צו זגן וויא איין אבל · אונ' קדיש אונ'
ברכו · אונ' בולגט אויז וויא זונשט אין דער וואכן · אונ' מן טוט קיין טלית
אויף · אונ' ליגט אך קיין תפילין · אונ' דאז קהל זעצט זיך אויף די ערד ·
דער חזן זגט ווידר שמונה עשרה אונ' זגט איין קרובץ : היבט אן אאביך
ביום מבך · אונ' זעצט עש הין אונ' ווידר איין · אין שמונה עשרה ·
ווען דער חזן קומט אן רפאנו · זא זגט ער עננו · גלייך וויא אל אז
תענית צבור · ווען דער חזן אויז הוט שמונה עשרה · זא זגט ער הלב
קדיש · אונ' אל ארך אפים · וויא וואל עש ניט דורפטג איז · אונ' מן זגט
ניט תחנה · אונ' ווען עש אז דורפטג איז · זא זגט מן ניט לנג והוא רחום
נוך יי' אלדי ישראל · (אין פולן אונ' פיהם · אלערהרן · זגט דער חזן
ניט עננו · נוך ניט אל ארך אפים · ווען עש שון אז דורפטג איז · )
אונ' מן היבט אויז אונ' לייט אין דער סדור ואתחנן · היבט אן · כי תוליד
בנים ובני בנים · אונ' רופט אויף דרייא מאנן · לייט ביז אן כל הימים ·
מן לייט ניט מיט דעם טרופן · אונ' מן מכט ניט מי שבירך דיא דא אויף זיין
גנגן · זונדר זגט הלב קדיש · אונ' דער דריט · דער אויף גנגן איז דער
זגט דיא הפטרה · היבט אן אסוף אסיפם · זגט זיא אך אן טרופן · אונ'
זגט דיא ברכות נוך דער הפטרה · ביז אן מגן דוד · זגט ניט על
התורה · דער חזן זגט יהללו · אונ' היבט ווידר איין · דען זעצט זיך
דער חזן אויף דיא ערד אונ' היבט אן צו זגן די קינות · שבת סורו :
איכה אצתי אאדה עד חוג · איכה תפארתי · איכה יושבת
חבצלת · אם תאכלנה נשים · איכה אלי קוננו · אהלי
אשר תאבת · אחור וקדם · איכה אומר כרת · זכור
את אלה · אתה אמרת היטב · לך ה' הצדקה · הטה
אלהי אזניך · אז במלואות ספק · אז בהלוך ירמיה :

אונ׳ דז זיין זיבנציהן קינות · אונ׳ נאך הינטרשטן זאגט ער נאך איין קינה
אונ׳ נעכטיג · בייא נכט הוט ער דרייא גיזאגט · דז זיין איין אונ׳ צוואנציג
גיגן דיא איין אונ׳ צוואנציג טג דיא דא זיין פֿון שבעה עשר בתמוז אונ׳ תשעה
באב · אונ׳ דער חשוב איין דער טאל היבט אן · אמרתי שעו · דר נאך
זאגט אנדרן קינות · דר נאך זאגן דיא חשובים דיא ציונים · ווען אן דיא
ציונים אויז הוט · זא זאגט דער חזן הלילו הה · אונ׳ אז בחטאינו · וויא
נעכטיג · אונ׳ עד אנה בכיה בציון · דען שטיט דער חזן ווידר אויף
אונ׳ זאגט אשרי · אונ׳ ניט למנצח · זאגט דען ובא לציון · אונ׳ אויבר
הופֿט ואני זאת בריתי דז ניט טייטש זיין דז אן כורת ברית ווער אויך
דיא קינות · היבט ווידר אן · אן ואתה קדוש אונ׳ זאגט אויז · דר נאך גאנץ קדיש
זאגט ניט תתקבל · דא וויל דער נביא זאגט איין איכה · סתם תפילתי ·
דר נאך זאגן דיא יחידים · איוב · אונ׳ פֿורן איין ווייניג ירמיה וואז ער רעט
פֿון פורענות · ביז אן · ה׳ צדקינו · דר נאך איין ישעיה · היבט אן קרבו
גוים · לאזט אויז ונסו יגון ואנחה · עלינו · קדיש יתום · אן זאל זעהן
דז אן איין דער טאל בלייבט ביז אויטאג · דען ער איז וואל ראוי דז חורבן
בית המקדש · דז אן איין האלבן טג דרום טרויארן זאל · אן זאל ביליך
דען גאנצן טג אים אבילות זיצן · אונ׳ ניט דיא טוך אן טון · אונ׳ ניט
שפאצירן צו גין · אונ׳ ניט וויא עטליכן דיא שפארין איר שפאצירן איין חדש
דר פֿור אויף תשעה באב · אן הלט וואל דען מנהג דז אן ניט לערנט
אם תשעה באב · פֿון דז פסוק וועגן · פקודי ה׳ ישרים משמחי לב ·
אן גיט אויף דז בית הקברות · דען די צדיקים טרויארן אך אויף ירושלים:
ווען איין ברית מילה איז אם תשעה באב זא יורטט אן אז באלד נאך
דען קינות · אונ׳ דער ואטיר אונ׳ דער גיבאטר איגן זיך אין
שבת קליידר אן טון · ווען אן עש יורטט · אונ׳ גיבט די ברכה דען קינדר
צו טרינקן · אונ׳ אנטלויגט אך דיא קערצן אן · אז אן אנדרן טאג:
צו מנחה גיט אן שולן · אונ׳ טוט דיא טוך אויז · אונ׳ ליגט טלית אונ׳
תפילין · אונ׳ היבט אויז אונ׳ לייט ויחל · וויא גשריבן
איז בייא שבעה עשר בתמוז · אונ׳ רופֿט דיא זעלבן אויף דיא אן הוט אם
מורגן אויף גירופֿן · דען אן הוט איין קיין מי שבירך גימאכט · אונ׳ זאגט די
הפטרה · דרשו · דיא אן אלי תענית צבור זאגט · אונ׳ זאגט דען די ברכות
נאך דער הפטרה · ביז אן מגן דוד · זאגט ניט על התורה · אונ׳ אן היבט
ווידר איין · אונ׳ זאגט האלב קדיש · אונ׳ ווערט שמונה עשרה · ווען אן
הלט אין ולירושלים עירך ברחמים תשוב · אן וכסא דוד מהרה
לתוכה תכין · זא זאגט אן נחם · אונ׳ איין שמע קולנו אן כי אתה שומע
תפילת עמך ישראל ברחמים · זא זאגט אן עננו · דער חזן אך אזא ·
אונ׳ זאגט ברכת כהנים · אז איך גשריבן הב דען טעם פֿורן בייא דען

טאג בון דער וואכן׳ אונ׳ זגט קיין תחנה׳ אונ׳ אן אורט מעריב ווען זגט מען דער וואכן׳ טייטש דיא לבנה: אבר אן דיא לבנה מקדש איז עט שבתות צו נכט׳ אז אכט אן הבדלה פרי הגפן׳ אונ׳ המבדיל בין קדש לחול: עש איז וואל גיטון דז מן ניט וואייט עטט נוך וויין טרינקט דיא נכט ווען תשעה באב אויז איז׳ דען דיא שונאים זיין אין דז בית המקדש גנגן אם ניבנדן טג אונ׳ הבן דרינן געסן אונ׳ גיטרונקן דען עלפטן טג׳ אונ׳ אם צעהנדן טג׳ דז אובנט זא הבן זיא עט בעוה ערשט אן גיצינט׳ דרום הבן איין טייל חכמים בור יארן גיפאסט דען נוינדן אונ׳ דען צעהנדן׳ רבי יוחנן זגט ווען ער ווער גיוועזן אין יענר צייטן זא העט ער גימאכט צו פאסטן דען נוינדן אונ׳ דען צעהנדן טג׳ דען דר מיינשט טייל בון בית המקדש איז לאיידר בור ברענט ווארדן אם צעהנדן טג׳ עטליכן עסן קיין פלייש אונ׳ טרינקן ניט וויין ביז שבת נחמו׳ דען זיא הבן אזא לנג קיין פלייש געסן אונ׳ וויין גיטרונקן זא וועלן זיא ניט אן היבן אין דער וואכן׳ וועלן עט בולגט שפארן אויף שבת׳ דער שבת צו כבוד׳ אונ׳ ווערכר טרויארט אויף ירושלים דער וועט זוכה זיין צו זעהן די נחמה: דער נעהשט שבת נוך תשעה באב הייטט שבת נחמו׳ דרום דז מן דיא הפטרה לייט דיא היבט אן נחמו נחמו עמי׳ דז יוצר בון שבת נחמו היבט אן ארוממך׳ דז אופן׳ שאו מנחה׳ די זולת׳ אמת משל היה: (אין פולן אונ׳ פיהם׳ יוצר׳ אל אל שדי אתחנן׳ אופן׳ שאו מנחה׳ צו אהבה׳ שתי פעמים׳ זולת׳ אמת משל היה׳) אונ׳ אן אורט וויא זייטט אם שבת׳ היבט איין ספר תורה אויז׳ אונ׳ לייט אל וואל אם שבת נחמו דיא סדור ואתחנן אונ׳ זגט די הפטרה׳ נחמו׳ אונ׳ אין דער קדושה צו מוסף זגט מן׳ אלהיכם יוסיף ידו׳ אונ׳ בולגט אויז: איז איין ברויפט אם שבת נחמו׳ זא זגט מן יוצר בון שבת נחמו׳ אונ׳ ווען ערט אויז הוט זא זגט מן דז היגטרשט גיזעגן בון יוצר בון דער ברויפט׳ אונ׳ זגט דז אופן בון שבת נחמו׳ אונ׳ היבט אן׳ אין דעם אופן בון דער ברויפט קבוצי מטה׳ אונ׳ זגט דז זולת בון שבת נחמו׳ אונ׳ היבט אך אן׳ איין זולת בום חתן׳ כראות חתן׳ אונ׳ זגט די הפטרה בון שבת נחמו׳ דר נוך שוש אשיש ביז אן ישיש עליך אלהיך׳ אונ׳ היגטן אין דער קדושה זגט מן אלהיכם בון שבת נחמו:

חמשה עשר באב איז ווער מותר ווארדן שבט בנימין אונטר ישראל צו קומן׳ אונ׳ די מתים אין דער מדבר הבן אויף גיהוירט צו שטערבן׳ אונ׳ דיא הרונים בון ביתר זיין אם זעלבן טג צו קבורה קומן׳ דרום זגט מן ניט תחינה דז מורגן אבירדיא נכט דר בור׳ אונ׳ די נכט דר נוך זגט מן וואל תחנה׳ (צו ווי ראש זגט

אן תחנה אם חמשה עשר · ) (אין פולן אונ׳ פיהם זגט מן בייא טג
אונ׳ בייא נכט ניט תחנה · ) די הפטרה פון עקב · היבט מן ותאמר ציון ·
(אין פולן אונ׳ פיהם · מפטירן · זגט מן פרשת עקב צו אהבה · ידיד
עליון · ) צו פרשת ראה זגט מן הפטרה · עניה סוערה : ווען
ראש חדש אלול אם שבת איז · זא זגט מן דיא הפטרה פון השמים
כסאי אונ׳ בלייבט דיא מסקנא · דען זיא רעט אך פון נחמה · אונ׳ ווען
מן זגט די הפטרה פון כי תצא דיא מן היבט רני עקרה זא זגט מן אך עניה
סוערה : ווען אכיר ר״ח אלול אם זונטג ווער זא זגט מן עניה
סוערה · אונ׳ ניט מחר חדש · אונ׳ ווען איין ברויפט איז אין חדש
אלול · זא זגט מן פור די הפטרה שוש אשיש אונ׳ דר נוך אך די הפטרה
פון זעלבן שבת · דען די הפטרה שוש אשיש איז פור גשריבן אין ישעיה :
(אין פולן אונ׳ פיהם · זגט מן פור דיא הפטרה פון זעלבן שבת · דר נוך
שוש אשיש : )

# ראש חדש אלול

איז אל אול צווין טג · מן הוט דען מנהג
מן מן היבט צו טויטן דען ערשטן טג
פון ראש חדש · דען איר וישן דז משה רבינו איז אם ר״ח אלול אויף
דען בערג גנגן · דיא לוחות אנטפפנגן · אונ׳ איז אויבן בליבן וירציג טג
דען ער איז אם יום כיפורים ווידר הירזב קומן אונ׳ די זינד פון עגל איז
אים פור געבן ווארדן · וואו וויל מן וירציג טג זיגן ווען מן ניט פון ערשטן
טג מן היבט צו רעכנן · דא משה רבינו אויף דען בערג גינג זא ליט מן
איין גישרייא איז גנג מיט דעם שופר · ווייא משה רבינו ווער אויף דען
בערג גנגן די לוחות צו אנטפפנגן · דז טעט מן דרום דז זיא ניט זולטן
טון אין וויא פור · דז זיא זגטן משה ווער ניט אין אויף דער וועלט · אונ׳
בינגערטן דז עגל צו מכן · אונ׳ דרום טויטן מיר אם ערשטן טג פון
חדש אלול · אונ׳ טויטן אזו דען גנצן חדש · (אין אנדרן טעם) מיר
וועלן דען שטן מבולבל מכן דז ער ניט זול ויסן ווען ראש השנה איז ·
דען ווען מן זולט אם ראש השנה טויטן · אונ׳ זינשט ניט · דא וואירד
ער ויסן דז ראש השנה ווער · אונ׳ וואירד מקטרג זיין · (אין אנדרן
טעם) מן טויטט דרום דז אנדר פולק וויל מזהיר זיין דז זיא זולן תשובה
טון · גלייך וויא איין מלך דער דא לוט גביטן זיינם פולק דז זיא אים
גיהורזם זיין אונ׳ לוט אויז טרייאן מיט דער טרומבעטן · דז אידרמן זיין
ווארט פור זיכט דען עט קומט דיא צייט דז מן זיך זול צו ווער שטעלן גיגן
זיינן ויינד · אזו היבט מן אך אן צו טויטן איין חדש פור ראש השנה
דז דיא צייט קומט דז מיר זולן תשובה טון · אונ׳ צו ווער שטעלן גיגן
דעם יצר הרע · דרום זול זיך איין איטליכר גיוועגן אים חדש אלול · אונ׳
טג איטר עטט · צו גידענקן זיין עבירות דיא ער גיטון הוט דז זעלב יאר ·

אונ׳

[library stamps]